STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06492

DRAMEN

Hirsch L. Gordon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הירש לייב גארדאן
דראַמען
ח. בזשאזא פארלאג · ווארשע 1938

הירש לייב גארדאן

ד ר א מ ע ן

1 9 3 9

פארלאג ח. בזשאזא ווארשע

Printed in Poland

HIRSCH LOEB GORDON

DRAMATIC WORKS

1. The Cabbalist (3 acts)
2. The Unknown (1 act).

H. L. Gordon: Der Mekubl
Wydawnictwo Ch. Brzoza, Warszawa

Odbito w drukarni „Grafia", Warszawa

געווידמעט
מיינע ליבע עלטערן, וועלכע
רוען באַשטראַלט פון פאַר־
באָרגענעם שיין.

דער מקובל

דראמע אין 3 אקטן

פערזאנען:

ראש ישיבה פון וואָלאָזשין
רעבעצין, זיין פרוי
רבקהלה, זייער טאכטער
ערשטע חברטע פון רבקהלען
צווייטע חברטע פון רבקהעלן
לייקע, רעבעצינס דינסט
משגיח
שמש
ישיבה בחורים
דער מקובל (ליבאָוויטשער) רבקהלעס געליבטער
בריסקער, רבקהלעס חתן
ווילנער
קאווקאזער
גזלן }
אָרעמאַן } פארשטעלטע ישיבה־בחורים
אידענע }
שוואַרצער פרוש
חלוץ
לעגיאָנער
מתים (אין א טאנץ).

ערשטער אַקט.

צייט — 1910. נאַכט פון שמחת תורה.

פּלאַץ — וואָלאָזשין, אין הויז פון ראש ישיבה.

וועראַנדע, פאַרוואַנדלט אין אַ סוכּה. צוויי טירן, רעכטס און לינקס; אין מיטן — 5 פענסטער. קלעטערנדיקע גרינע געוויקסן אויף דער וואַנט. דער אַרויסגאַנג צו דער וועראַנדע לינקס.

אויף דער וועראַנדע — אַ לאַנגער שמאָלער טיש, אויף צוויי-דריטל לענג פון דער בינע. דער אויבן-אָן איז רעכטס: אַ שטול מיט אַ הויכן רוקן פאַרן ראש ישיבה. דער טיש איז באַדעקט מיט טישטוכער און בעגרייט מיט הערינג אויף לאַנגע טעלער און מיט טאָרט אויף טאַצן. קעלישקעלעך זענען צעשטעלט דאָ און דאָרט. פון דער סטעליע הענגען גרינע בלעטער און פאַרגילדעטע יאַגדעס און פרוכטן.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, זעט מען די רעבעצן מיט איר טאָכטער גרייטנדיק די טישן.

פון דער ווייטן הערן זיך שמחת־תּורה־ניגונים.

....

רעבעצן: אײַל זיך, אײַל זיך, טאָכטערל. הערסט? עס איז שוין באַלד נאָך די הקפות. באַלד וועט דער טאַטע אַראָפּקומען מיטן משגיח און מיט אַלע תּלמידים, זאָלן זיין געזונט און שטאַרק.

רבקה: איך בין שוין באַלד פאַרטיק, מאַמע. די הערינג מיט די לעקאָך האָב איך דאָך שוין צעשניטן. די גאָפּלען האָב איך דאָך שוין אויך צעלייגט. אַלץ, וואָס עס פעלט איצט, איז בלויז דער שנאַפּס.

רעבעצן: יע, דער שנאַפּס. וואָס פאַר אַ שמחה איז עס שמחת תורה אָן שנאַפּס? (רופט) לייקע! לייקע!

לייקע: (פון אינעווייניק) וואָס איז, רעבעצן?

רעבעצן: קום נאָר אַהער.

לייקע: (קומט צו לויפן) וואָס, רעבעצן. נאָך הערינג?

רעבעצן: ניין, לייקע, ברענג די שנאַפּס.

לייקע: וועלכע שנאַפּס? מיט וועלכן צעטל?

רעבעצן: מיט אַלע צעטלען. גיכער, מאַרודזשע ניט.

לייקע: (אָפּ)

רעבעצן: (זינגט מיט דער תפילה, וועלכע דערגייט צו איר פון הויף)

קדוש ונורא, הושיעה נא! רחום וחנין, הצליחה נא! שומר הברית, עננו ביום קראנו!

רבקה: מאַמע, זאָג מיר, אפשר ווייסטו, פאַרוואָס איז מיר אַזוי אומעטיק היינט ביינאַכט אויפן האַרץ?

רעבעצן: נאַרעלע, נאַרעלע, געוונט זאָלסטו מיר זיין, אויסגעקליבן אַ נאַכט ווען אומעטיק צו זיין! מילא תשעה באב, ווען די רשעים האָבן חרוב געמאַכט אונזער בית המקדש, ניאָ, דאַן דאַרף אַ יידישע טאָכטער פאַרלירן אַ טרער. און יום כפור ביינאַכט, ווען דער רבונו של עולם, געבענטשט זאָל ער זיין, דאַרף אונטערחתמענען אַ גוטן יאָר אויף אַלע יידן, ניאָ, דאַן איז טאַקע די ריכטיקע צייט זיך אויסצואוויינען, כדי דער אויבערשטער זאָל געבן יעדן יידן אַ גוטע מערכה. אָבער שמחת תורה? (זינגט נאָך אַ ניגון, וואָס קומט פון דרויסן):

שישו ושמחו בשמחת תורה,
ותנו כבוד לתורה,
כי טוב סחרה מכל סחורה,
מפז ומפנינים יקרה.

רבקה: מאַמע גיב נאָר אַ טאַפּ. (ליגט אַרויף איר [illegible] הענט אויף איר ברוסט) זע, פיל נאָר, ווי מיין האַרץ קלאַפּט. ווי אַ האַמער אויף אַ קאָוואַדלע: קלאַפּ–קלאַפּ! קלאַפּ-קלאַפּ!

רעבעצן: נעם זיך ניט צום האַרץ, טאָכטערל. ווען איך בין געווען אַ מיידל אין דיינע יאָרן, פלעגט מיר אויך אָפטמאָל פאַרקלעמען דאָס האַרץ. יונג בלוט! קום-זשע נאָר אַהער, טאָכטערל. (רבקה שפּאַרט אָן איר קאָפּ אויף איר מוטער) געדענק-זשע, אַז ערשטנס איז היינט שמחת תורה ביי יידן. אַלע

יידן פרייען זיך מיט דער תורה. אזא טייערע תורה! אזא ליבע תורה! נאָר מיר יידן האָבן אזא תורה. די גוים — אַ מכה. צווייטנס, ביי וועמען דאַרף זיין שמחת תורה אַ גרעסערע שמחה, ווי ביים טאַטן אין הויז? פאַרגעס נישט, אַז דיין טאַטע, זאָל לעבן און זיין געזונט, איז דער רב פון וואָלאָזשין, און דער ראש ישיבה פון דער וועלט־באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה. אַ קלייניקייט וואָלאָזשינער ישיבה! פון אַלע עקן וועלט קומען זיי אַראָפּ לערנען אַהער אין וואָלאָזשין. געזונט זאָלן זיי זיין, און צו אַלע עקן וועלט פאָרן זיי נאָכדעם צוריק צו פאַרשפּרייטן דיין טאַטנס לומדות. געבענטשט זאָלן זיי זיין. צו זיין די טאָכטער פון וואָלאָזשינער ראש ישיבה ה י י נ ט איז אַזאַ כבוד און זכות, ווי אַמאָל זיין די טאָכטער פון אַ כהן גדול, אָדער פון דוד המלך, זכרונו לברכה.

ר ב ק ה: יאָ, מאַמע, מיט מיין מח — ווייס איך און פאַרשטיי עס אַלץ. אָבער מיין געמיט איז גאָרניט יום־טובדיק.

ר ע ב ע צ ן: (הויבט אויף איר טאָכטערס קאָפּ און קוקט איר אין די אויגן) טאָכטערל, אַ לעבן צו דיר, דיינע אויגן זענען דאָך רויט ווי צונטער. וואָס? האָסט נישט געשלאָפן די לעצטע נאַכט, אָדער, חס ושלום, געוויינט? פע, פע, אַזאַ גרויסע מויד ווי דו ביסט, קיין בייז אויג זאָל דיר ניט שאַדן, און ווייסט נאָך גאָר־נישט ווי זיך צו האַלטן. ביסט דאָך שוין אַ כלה־מויד, מיט מזל און מיט גליק.

ר ב ק ה: איך דענק, אַז עס איז נאָך צו פרי פאַר מיר חתונה צו האָבן.

ר ע ב ע צ ן: (שטעלט זיך אַנידער מיט כעס) מאַך זיך נישט נאַריש, רבקה. ווען איך האָב חתונה געהאַט, בין איך קוים 12 יאָר אַלט געווען, און כ'האָב מיינע ליאַלקעס צו דער חופּה מיטגענומען. גאַנץ באַברויסק האָט מיך מקנא געווען. וואָס איז, האָסט אפשר אַ שלעכטן חתן, חלילה וחס? מיר האָבן דאָך פאַר דיר אויסגעקליבן אַ בחור אַ בחיר, אַ מהודר שבמהודר, דעם בריסקער עלוי! עס קלינגט דאָך מיט אים די וועלט.

ווייבער בענטשן זיך דאָך מיט אים, קיין עין הרע זאָל אים נישט שאַדן. אַזאַ פּאַרשוין און אַזאַ למדן! נאָך הונדערט מיט צוואַנציק יאָר וועט ער דאָך פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דיין טאַטן, זאָל לאַנג לעבן. און דאַן וועסטו פאַר דיין טאָכטער, אם ירצה השם, אויך אויסקלייבן אַן איידעם אַן עלוי און מיר וועלן זיך פרייען מיט די נייעס. און אויב מיר וועלן זיין אויפן עולם האמת, וועסטו אונז קומען אָנזאָגן אויפן בית עולם, אָט דאָ נישט ווייט, און אָנקלאַפּן אויף מיין מצבה: — מאַמע, מיר קומט מזל טוב, מיין טאָכטער גייט חתונה האָבן מיט אַן עלוי. (נעמט זיך ווישן די אויגן מיטן פאַרטוך) נאָר וואָס האָב איך זיך אַזוי פאַררעדט? הערסטו ווי די ישיבה־בחורים מאַכן זיך איצט פריילעך דאָרטן אין דער ישיבה? לאָמיר נאָר כאַפּן אַ טענצל. (מאַמע און טאָכטער טאַנצן)

לייקע: (גייט אריין פון הויז מיט אַ קאָשיק) אָט האָט איר, רעבעצן, אַלע מינים שנאַפּס.

רעבעצן: (צו רבקהן) נעם, טאָכטערל, די שנאַפּס. די שוואַכע „פערציקער" שטעל אוועק לעבן טאַטנס פּלאַץ. די „זיבן און פופציקער" צעשטעל פאַר די ישיבה־בחורים און די פרושים. און די פלעשל „ניינציקער" — לעבן משגיחס פּלאַץ. ער טרינקט העלישן פייער. און דו, לייקע, לויף צוריק אין קיך. (שמעקט) מיר דוכט, אַז דער רעטשישניק סנאָ׳עט זיך אין אויוון.

לייקע: (אָפּ)

רבקה: (עמט צעשטעלן די פלעשלעך) מיר דוכט, אַז פייער איז פאַרן משגיח אויך צו קאַלט. (ברומט אונטער אַ ניגון) מאַמע

רעבעצן: וואָס, מיין קינד?

רבקה: זאָג מיר נאָר, מאַמע, פון וואָס טראַכט אַ ישיבה־בחור, ווען ער זיצט אָט אַזוי פאַרקלערט? (ווייזט אַ פּאָזע: דער קין אָנגעלענט אויף דער האַנטפלאַך).

רעבעצן: איך ווייס? מאַלע וואָס אַ ישיבה־בחור טראַכט. אַמאָל, וועגן אַ האַרבער קשיא צו פרעגן דיין טאַטןביים שיעור. אַמאָל — פון וואַנען וועט ער נעמען דירה־געלט צו באַצאָלן זיין באַלעבאָסטע. און אַמאָל וועגן זיין היים:

טאַטע, מאַמע, שוועסטער און ברידער. (לאַכט זיך פּאַנאַנדער) כאַ, כאַ, כאַ. ס׳איז צום לאַכן, איך דערמאָן זיך, אַז ווען מיין ברודער מאיר מיכל איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין ישיבה, איז ער געווען 10 יאָר אַלט. פלעגט ער שרייבן אַהיים בריוולעך, אַז ער קען נישט רוען, ווייל ער האַלט אין איין בענקען נאָך אונזער קעלבעלע. כאַ, כאַ, כאַ. אַ קינד בלייבט אַ קינד. פאַר־וואָס פרעגסטו עס מיר מיט אַ מאָל?

רבקה: דו ווייסט, מאַמע, ווען עמיצער קומט אַהער מיט אַ שאלה אָדער מיט אַ דין תורה און כ׳גיי אַריין אין ישיבה רופן דעם טאַטן אַהיים, בין איך זייער פאַרשעמט און צושראָקן. ווייל ווי נאָר איך שפּרייז אַריין אין גרויסן ישיבה־זאַל, אַזוי הויבן אַלע ישיבה־בחורים אויף זייערע אויגן פון דער גמרא און נעמען מיך אָפּמעסטן פון קאָפּ ביז די פיס. עס ווערט מיר אַזוי שווער דאָס גיין פון טיר ביזן ארון־קודש, וווּ דער טאַטע זיצט, אַזוי ווי עס וואָלט געווען מייל ווייט און אַזוי ווי איך וואָלט געגאַנגען מיט באָרוויסע פיס אויף שאַרפע מעסערס. בלויז איין ישיבה־בחור בלייבט זיצן מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן פאַרטיפט אין מחשבות. און מיר דוכט, אַז ער זעט גאָרניט וואָס ס׳איז געשריבן אין דער גמרא. זיינע אויגן קוקן, אָבער זעען ניט. ער איז ווי אונטער אַ כישוף.

רעבעצן: וווּ זיצט ער אַ שטייגער?

רבקה: נעבן לינקן סלופּ.

רעבעצן: ווּעמען מיינסטו, קינד מיינס, דעם שניפּישקער?

רבקה: ניין, מאַמע, דער שניפּישקער זיצט דאָך ביים רעכטן סלופּ.

רעבעצן: מיינסט אפשר דעם ווידזער בחור?

רבקה: ניין, מאַמע, דער ווידזער בחור איז דאָך אַט אַזאַ קליין ווערעמקל, און איך מיין אַ בחור אַ הויכן, אַ שײנעם, מיט ברייטע העלדישע פּלייצעס.

רעבעצן: אָ, דו מיינסט אודאי דעם ליבאַוויטשער, שמואל ליבאַוויטשער, דער מקובל.

רבקה: יע, יע, דעם ליבאַוויטשער מיין איך, יעדעס

מאָל ווען איך זע אים פאַרבייגיין אונזער הויז, דוכט זיך מיר אויס אַזוי ווי ער וואָלט בלאָנדזשענען, אַזוי ווי ער וואָלט גיין אין שלאָף. עפּעס אַזאַ פּאַרטרוימטער און אַ ניט היגער!

ר ע ב ע צ ן : קיין ווונדער ניט, טאָכטערקע, דערפאַר איז ער דאָך אַ מקובל.

ר ב ק ה : וואָס מיינט עס אַ מקובל: איז ער אַ גאַליציאַנער אָדער האָט ער אַן אַנדער פעלער?

ר ע ב ע צ ן : אַך, געזונט זאָלסטו זיין, דו האָסט שוין געמעגט זיין באַהאַוונט אין אַזוינע זאַכן, אויפהאָדעוונדיק זיך 17 יאָר אין הויז פון וואָלאָזשינער ראש ישיבה. אַ מקובל, זאָלסטו וויסן, איז אַ מענטש, וועלכער לעבט מער מיט י ע נ ע ר וועלט ווי מיט ד ע ר וועלט. ער ווייס סודות, וועלכע פּרומע יידן האָבן אפילו זיי מורא ארויסצוברענגען אויף זייערע ליפּן. למשל: וועגן גאָט ברוך הוא און משיחן, הייליקע כחות און להבדיל כחות פון טומאה, מלאכים און להבדיל (שפּיַלער) שדים און רוחות רעות — טפו זאָלן זיי ווערן (שפּייט אויס).

ר ב ק ה : אָ, ס׳כאַפּט מיך אָן אַ גרויל. מאַמע איז דער טאַטע אויך אַ מקובל?

ר ע ב ע צ ן : יע און ניין. ס׳הייסט, ווייסן ווייס ער טאַקע די אַלע סודות. זיין טאַטע און זיינע הייליקע זיידעס האָבן אים איבערגעלאָזן גאַנצע אוצרות מיט האַנטשריפטן און געדרוקטע ספרים איבער די סודות פון די פאַרבאָרגענע וועלטן. אָבער דיין טאַטע און אַלע מתנגדישע רבנים דענקען, אַז די תורה און די גמרא זיינען גענוג פאַר זיי און די סודות פון יענע פאַרבאָרגענע וועלטן — כ׳ווייס, עס איז צו געפערלעך דאָרטן צו שפּאַצירן. מ׳טאָר זיך ניט שפּילן מיט פייער. אַגוסטן האָט איינער אַ יונגערמאַן אין באַלטערמאַנץ זיך פאַרטיפט אין די סודות פון דער מעשה מרכבה אין יחזקאל, און וואָס מיינסטו האָט געטראָפן? איז אַראָפּ אַ פייער און עס האָט אים פאַרברענט.

ר ב ק ה : פאַרברענט אויף אַש?

ר ע ב ע צ ן : ס׳הייסט אויף אַש איז ער נ י ט פאַרברענט געוואָרן, נאָר מען האָט אים געפונען אַ טויטן.

ר ב ק ה: אַ טויטן?!

ר ע ב ע צ ן: זיין נשמה, פון אינעווייניק, איז פאַרשרפעט געוואָרן. און מיין זיידע, דער גרויסער גאון עליו השלום, פלעגט אַלעמאָל זאָגן, אַז די וואָס גיבן זיך צופיל אָפּ מיט קבלה, ווערן פריער אָדער שפּעטער האָבן אַ שוואַרצן סוף, ניט פאַר אונז געדאַכט.

ר ב ק ה: וואָס איז?

ר ע ב ע צ ן: זיי ווערן אָדער אַראָפּ פון זינען, משוגע ווערן, און לויפן איבער די גאַסן מיט גרילצנדע געשרייען, ווייל זיי וועט זיך דוכטן, אַז לילית און אַלע שדים יאָגן זיך נאָך זיי, אָדער זיי ווערן טאַקע אַריינפאַלן אין די הענט פון די ניט-גוטע און ווערן פאַלן טויט אויף אַן אָרט.

ר ב ק ה: און אויב אַ מקובל באַהעפט זיך נאָר מיט די הייליקע מלאכים און נשמות פון צדיקים, איז ער דאָך זיכער, ניט אַזוי?

ר ע ב ע צ ן: קיינמאָל ניט. אפילו די הייליקע מלאכים האָבן ניט ליב, אַז מען רוקט זיך צו צו זיי נאָענט, און די נשמות פון די הייליקע צדיקים ווילן ניט, אַז מען זאָל זיי אַלע ווייל ווען. דו ווייסט דאָך ווי אין כעס די נשמה פון שמואל הנביא איז געוואָרן אויף שאול המלך, ווען אַ מכשפה האָט זי אַרויפגעבראַכט פון יענער וועלט. אַ מענטש איז אַ צו שוואַכע באַשעפעניש אום זיך אַריינצומישן אין דער מלחמה צווישן די ליכטיקע און פינסטערע גייסטער.

ר ב ק ה: (מיט גרויס שרעק) וועט דער ליבאַוויטשער מקובל אויך משוגע ווערן אָדער פאַרברענט ווערן, חלילה?

ר ע ב ע צ ן: יאָ, פאַרוואָס ניט? מיט וואָס איז ער אַנדערש פון אַ עמען? איך האָב געהערט, אַז ער איז שוין ניט מיט אַלעמען. מען זעט אים אָפּט גיין אויפן בית עולם, אַליין אין מיטן דער נאַכט.

ר ב ק ה: אַליין אויפן בית-עולם?

ר ע ב ע צ ן: און ניט נאָר דאָס. אַנוסטן האָט אַ באַלעגאָלע דערציילט דיין טאַטן, אַז ער איז פאַרבייגעפאָרן ביינאַכט דעם יאַרמאַלקע-באַרג, און ער האָט באַמערקט עפּעס אַ ליכטיקייט

אַרויסשיינען פון גרוב, וועלכע געפינט זיך אויפן שפּיץ. ער גייט אַרויף, ווען מען געפינט ער? אַט טאַקע דעם ליבאַוויטשער, מיט אַ ליכט אין איין האַנט און מיט עפּעס אַ געשריבענעם ספר אין דער צווייטער.

רבקה: וואָס האָט ער דאָרטן געטאָן?

רעבעצן: כ׳ווייס? דיין טאַטע האָט אים גלייך גערופן צו זיך און דער ליבאַוויטשער האָט אים דערקלערט, אַז ער האָט אַ כתב־יד פון הייליקן אר״י ז״ל פול מיט הייליקע מאָדנע ווערטער, מיט וועלכן מען קאָן מאַכן וווּנדער. און דער אר״י זכרונו לברכה שרייבט, אַז אַט דעם ספר מוז מען לייענען נאָך 12 ביינאַכט און אונטערן פרייען הימל, אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט, 14 טעג נאָכן מולד פון דער לבנה. דיין טאַטע האָט אים פאַרזאָגט, אַז ער זאָל מער אין אַזוינע ספרים ניט אַריינקוקן. ווייל ער קען, חס ושלום, אַמאָל מאַכן אַ טעות אין אַן אות, און אָנשטאָט דער גוטער מלאך מיכאל, קען אַראָפּגיין צו אים דער בייזער שד סמאל, און דאַן איז ער שוין אינגאַנצן פאַרלוירן.

רבקה: מאַמע, ווייסט? דער ליבאַוויטשער מוז זיין אַ מערקווירדיקער בחור, מיר געפעלט אַ מקובל מער ווי אַן עלוי.

רעבעצן: מאַלע וואָס דיר געפעלט, טאָכטערל, אָבער דיין טאַטן געפעלט בעסער אַן עלוי. געדענק, טאָכטערקע, אַז צווישן וואָלאָזשין און ליבאַוויטש ליגט אַ גרויסער תהום. דאָ הערשט די גרויסע לומדות פון דער מתנגדישער וועלט, און אין ליבאַוויטש געוועלטיקט די נאַרישע חסידות. מתנגדות האָט אַ תורה, אַ גמרא, און חסידות האָט קמיעות מיט אָפּשפּ־עכונגען. דו ביסט אונזער בת יחידה, דורך דיר דאַרף זיך דאָך ווייטער טראָגן די גאָלדענע קייט פון וואָלאָזשין. ליבאַוויטש איז אונזער גרעסטער שונא. דיין גרעסטער שונא. פאַרהאַסט אויף אייביק זאָל בלייבן ביי דיר ליבאַוויטש.

(1־טע און 2־טע חברטע לויפן אַריין מיט אַ געפּילדער)

ביידע: גוט יום־טוב, גוט יום־טוב, רעבעצן. גוט יום־טוב, רבקהלע.

ר ע ב ע צ ן: גוט יום טוב, קינדערלעך.

1-טע חברטע: אָ, רעבעצן, ווען איר ווייסט וואָס עס טוט זיך איצט אָפּ אין ישיבה!

2-טע חברטע: אַ וואונדער וואָס די ווענט פאַלן דאָרט ניט איין. וואָס זיי צוטאַנצן! וואָס זיי צומייקערן!

ר ע ב ע צ ן: אַך, קינדערלעך, קינדערלעך, עס איז שוין פון אַלע מאָל אַזוי, זינט איך בין געווען אַ קליין מיידעלע. איך געדענק, אַז ווען מיין טאַטע, זכרונו לברכה, האָט געלעבט, האָט מען איין שמחת תורה טאַקע אַזוי געטאַנצט, אַז אַ שטיק פּאָדלאָגע איז איינגעפאַלן. וואָס עס האָט זיך דעמאָלט געטאָן, מאַמעלעך! עטלעכע ישיבה-בחורים וואָלטן, חלילה, צוניזקט געוואָרן, האָט אָבער געטראָפן אַ נס און זיי זיינען אַריינגעפאַלן גראַדע אין אַ גרויסער פאַס פול מיט ווייכע שמות, וועלכע איז געשטאַנען אין קעלער, און זיי זיינען, אַ דאַנק גאָט, ניצל געוואָרן. זייט אַזוי גוט, קינדערלעך, און בלייבט דאָ, און איך וועל אריינגיין אין קיך און זען צי עס איז שוין פאַרטיק דער בולבע-צימעס מיטן רעטשישניק. (אפּ)

ר ב ק ה: זאָגט מיר, קינדער, איז עפּעס דאָ אין ישיבה אַ זייטיקער, שטעטלשער עולם?

1-טע חברטע: אַ שאלה! אַלט און יונג. אַלע מיידלעך און יינגלעך פון שטעטל. אַפילו עוזר דעם פּאָצטערס געלער צימעס איז אויך דאָ. אַזש פון אַראָפּצוצו זיינען זיי געקומען. אַך, איז דאָרט אַ טומל, איז דאָרט אַ שציסק!

ר ב ק ה: ווער זיינען דאָרט די הויפּט-קאָמעדיאַנטן?

2-טע חברטע: ווי געוויינלעך— (ציילט אויף די פינגער) דער לינגמיאַנער, דער שוועניצאַנער, דער שקימיאַנער, דער קאַלטעגאַנער, דער וואַרניאַנער, דער אוטיאַנער, דער אַראַנער, דער אָקימיאַנער, דער איישישקער, דער צייקישקער, דער פּיל-ווישקער, דער וויזונער, דער טראַסקונער.

1-טע חברטע: און דער קאַרמעליטער, דער אַלי-טער, דער אַבעלער און טורגעלער, און מער פון אַלעמען איז פריילעך דער בריסקער, דיין בריסקער.

רבקה: מיין בריסקער? איך גיב אייך אים אָפּ צו יעדער צייט.

1-טע חברטע: וואָס, זע נאָר, איך האָב דאָך געהערט אַז מאָרגן ביינאַכט שרייבט מען תנאים צווישן דיר מיטן בריסקער!

רבקה: תנאים, קען זיין, וועט מען שרייבן, אָבער אונטער דער חופּה מיט אים וועל איך נישט שטיין, דוכט מיר.

2-טע חברטע: פאַרוואָס? איז ער ניט קיין שיינער בחור? הלוואי זאָל איך אַזאַ חתן קריגן. און ער איז דאָך אַן עלוי. עס קלינגט דאָך מיט אים גאַנץ ליטע. ער, דער קינפּ-טיקער רב און ראש ישיבה פון וואָלאָזשין, און דו - די קינפּטיקע רעבעצן.

רבקה: יע, איך דענק אויך אַז ער איז אַ פיינער בחור, דער בריסקער. איך האָב גאָרניט צו אים. נאָר איך האַלט אַז הייראַטן דאַרף מען מיט דעם, וועלכן מען האָט שטאַרק, זייער שטאַרק ליב, נאָך וועלכן עס גייט אויס דאָס האַרץ אין בענקשאַפט, נאָך וועלכן מען גלוסט אין די לאַנגע שלאָפלאָזע שטונדן פון דער נאַכט.

1-טע חברטע: זע, דו רעדסט אַזוי ווי דו וואָלסט געווען פאַרליבט אין עמיצן, אין עמיצן אַנדערש.

רבקה: יע, איך בין.

ביידע חברטעס: אין וועמען?

רבקה: אין דעם שעמעוודיקסטן ישיבה-בחור פון וואָלאָזשינער ישיבה.

ביידע חברטעס: ווער איז ער?

בריסקער (לויפט אריין פון לינקס). גוט יום-טוב, גוט יום-טוב, יידישע טעכטער. (מיט א ניגון) איך בין אייך מזהיר ומודיע, אַז אָט באַלד וועט דאָ אַריין דער גאַנצער פאַראַד און אַז איך, הבחור מבריסק, בין היינט ביינאַכט טאַקע דער גאַנצער קאַפּעלמייסטער, אַלע וועלן מוזן רעדן היינט אין גראַמען, לויט נוסח וואָלאָזשין. און ווו איז די רעבעצן?

ר ב ק ה: די מאַמע איז אַוועק אין קיך. וואָס האָט איר געוואָלט וויסן?

ב ר י ס ק ע ר: וואָס הייסט, איך וואָלט טאַקע געוואָלט וויסן, וואָס טוט זיך אין קיך.

ר ב ק ה: איך קען אייך באַרואיקן. עס באַקט זיך אַ גרויסער רעטשישניק און אויך אַ גוטער צימעס.

ב ר י ס ק ע ר: אַ צימעס? אַוועלכער צימעס? אַ פלוימען-צימעס? אַ מערן-צימעס? צי אַ מערן-מיט-גרעשצע-צימעס?

ר ב ק ה: מערן מיט גרעשצע.

ב ר י ס ק ע ר: און מיט בולבעס אויך? און מיט אַ חלזל אַ געפילטע?

1-טע חברטע: סאַראַ אַפּעטיט ביי אַ ישיבה-בחור און הערינג מיט לעקאַך איז פאַר אייך ניט גענוג?

ב ר י ס ק ע ר: ניט גענוג, ניט גענוג. זעט איר, אַ שנעפּסל קען איך שוין מאַכן באַצייטנס. (גייט און גיסט זיך אָן אַ גלעזל שנאַפּס) מכבד הבחור מבריסק מיט אַ גלעזל יין המשומר. ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם שהכל נהיה בדברו. (טרינקט אויס) או, אַ! פון וואָס איז דער שנאַפּס געמאַכט געוואָרן, פון שוועבעלעך?

ר ב ק ה: גייט פרעגט ביי ניקאָלאַיען. ער מאַכט פאַר אונז די שנאַפּסן.

1-טע חברטע: איך דענק, אַז די מאַמע דאַרף אונז האָבן אין קיך (צו 2-טער חברטע) און דיר אויך. (שלעפּט זי אַוועק פון חעראַנדע אין הויז).

ב ר י ס ק ע ר: שאַ, וואָס פאַר אַ איילעניש איז עס אויף אייך? וואָס האָט איר אַזוי מורא פאַר מיר? איך וועל אייך אויפעסן? (נעמט אַרום די 2-טע חברטע און לאָזט זי נישט אָפּ)

1-טע חברטע (רייסט זיך אַרויס פון זיינע אָרעמס): איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איר האָט קענטיק אַ צו גרויסן אַפּעטיט.

(ביידע חברטעס לויפן אַוועק אין קיך)

ב ר י ס ק ע ר (גייט צו צו רבקהן): רבקהלע, אפשר חעסטו

מאַכן מיט מיר אַ לחיים? (רבקה רייסט זיך אַוועק פֿון אים) פֿאַר־וואָס זשע אַנטלויפֿסטו פֿון מיר?

רבקה: פֿאַרוואָס? מיר זיינען פֿרעמדע מענטשן, בריסקער.

בריסקער: פֿרעמדע? אין דער תּורה שטייט דאָך, אַז מאַן און ווייב זיינען איין גוף?

רבקה: יע, מאַן און ווייב זיינען טאַקע איין גוף, אָבער מיר זיינען נאָך ניט מאַן און ווייב...

בריסקער: אָבער מיר ווע‏לן דאָך קירצלעך ווערן.

רבקה: קירצלעך? ווער ווייס, גאָט ווייס.

בריסקער: וואָס, דו ווילסט מיך ניט? איך געפֿעל דיר ניט? האָסט אַ שענערן בחור אין וואָלאָזשינער ישיבה? אָדער אפשר איז דאָ אין וואָלאָזשינער ישיבה אַ בחור, וואָס קען מער לערנען פֿון מיר? ניט איין מאָל האָב איך אַפֿילו דיין טאַטן אָפּגעשטעלט מיט מיינע קשיות אין מיטן שיעור. און ווען מען ברענגט אַ שאַרפֿן גמרא־חילוק פֿון ר' חיים בריסקער, בין איך דען ניט דער ערשטער עס צו טרעפֿן? אַז דיין טאַטע האָט מיר אויסגעקליבן פֿאַר זיין איידעם, ווייס ער מסתּמא וואָס ער טוט.

רבקה: יע, ער ווייסט.

בריסקער: און דו — דו האָסט מיך ניט אויס־געקליבן?

רבקה: דערווייל נאָך ניט, איך ליב אייך ניט גענוג.

בריסקער: אַזוי... כ'ווייס... כ'האָב געמיינט, אַז עס איז שוין אַלץ פֿאַרטיק... כ'האָב שוין אַפֿילו אַהיים געשריבן צו מיינע עלטערן.. מיין שוועסטער נייט זיך שוין אַ נייע קלייד לכּבוד אונזער חתונה.

רבקה: מיר טוט זייער לייד, בריסקער. איך ווייס, איר זיינט שוין דאָ אין ישיבה 8 יאָר... מיר זיינען, דוכט מיר, אַזוי ווי אויסגעוואַקסן צוזאַמען.

בריסקער: יע, איך געדענק נאָך ווי דו ביזט אַרומ־

געלאָזן אַ באַר־וועסע איבערן הויז און אויך אין ישיבה־הויף.

רבקה: אָבער עס קען צווישן אונז קיין הייראַט ניט זיין... איך האָב די גאַנצע צייט קיין געלעגנהייט ניט געהאַט אייך עס צו זאָגן, ווייל עס קומט אונז אויס ועלטן צו זיין אליין.

בריסקער: רבקהלע... שוין איבער אַ יאָר ווי איך לעב נאָר מיט דעם געדאַנק אַז דו... אַז מיר... אַז דו וועסט מיינע זיין. ביי דער גמרא, אין מיינע ניגונים ווענד איך זיך אַלץ צו דיר אַליין... דו ווייסט ניט, רבקהלע. זייער אָפט, זיצנדיק אַליין דורך דער נאַכט אַ משמר, דאָנערשטיק ביינאַכט, כאַפּ איך זיך אַרויס פון דער ישיבה, גיי צו צו אייער הויז, שטעל זיך אונטער דיין פענסטער, ווו דו שלאָפסט, און רוף שטיל: רבקהלע...

רבקה: זעט, איך האָב דאָס קיינמאָל ניט דערהערט.

בריסקער: זיכער האָסטו עס ניט געהערט... איך האָב עס אַליין קוים געהערט... קוים מיט די ליפּן געשעפּ־טשעט... רבקהלע, רבקהלע, פלעג איך זאָגן, און האַלטן מיין האַנט אויף אַ באַלקן פון אייער הויז. עס האָט זיך מיר גע־דוכט, אַז איך הער דורך אים דיין האַרץ קלאַפּן. דו ווייסט, אַפילו אויף די טאָוולען פון מיין גמרא האָב איך אָנגעשריבן פיל מאָל דעם נאָמען: רבקהלע. — דו ווייסט ניט, יעדעס מאָל ווען איך פלעג שטאַרק בענקען נאָך דיר, פלעג איך אויסקראַצן פון ערגעץ אַ קשיא און אַריינגיין פלומרשט צו אייך אין הויז עס פרעגן דיין טאַטן, אום דיך צו זען, אום צו זיצן אויף דעם שטול ביים בופעט, ווו דו האָסט ליב צו זיצן — אום צו זען דאָרטן, נעבן דער מנורה, דאָס בילד ווו דו ביזט פאָטאָגראַפירט אַלס קליין מיידעלע... כ'האָב געטראַכט: מיר וועלן ביידע אַמאָל האָבן אַזאַ קליין מיידעלע ווי דו, — און איצט?...

רבקה: וועסט קריגן אַ כלה, און נדן אויך, 10 טויזנט רובל.

בריסקער: יע, אַ כלה, נדן, אָבער ניט רבקהלען...

און כ׳וועל מוזן אויסמעקן פון מיינע גמרא־טאוולען רבקהלען...
און כ׳וועל מוזן אָנזאָגן מיין טאַטע־מאַמען: ניטאָ מער רבקה־
לע פאַר מיר... און כ׳וועל זי מוזן אויך פון הארצן אויס־
רייסן... איך וועל עס אָבער ניט קענען. זע, וואָס איז אַזוי
פינסטער דאָ? ס׳איז דאָך שמחת־תורה. ווו זיינען די בליץ־
לאָמפּן?

רבקה: זיי זיינען דאָ. וואָס, איר זעט זיי ניט? זייט ניט אַזוי צוטראָגן. איך קען זיך ניט העלפן — עס איז צו שפּעט.

בריסקער: וואָס? דו האָסט ליב אַ צווייטן?

רבקה: יע, אַ צווייטן.

בריסקער: אַ צווייטן? אַ בעסערן? אַ שענערן? אַ געלערנטערן?

רבקה: כ׳ווייס ניט... ער איז אַן אַנדער מין. מיין הארץ גייט אויס צו אים שוין איבער אַ יאָר... איך האָב אים ליב, און יעדן טאָג אַלץ גרעסער וואַקסט מיין ליבע צו אים.

בריסקער: און דיין טאַטע? דיין מאַמע?

רבקה: זיי ווייסן ניט פון דעם – איך וואָג זיי עס ניט צו זאָגן – ערשטנס, זיינט איר דאָך זייער אויסוואַל, און צווייטנס איז יענער אַ מאָדנער, עפּעס ניט פון אונזערע.

בריסקער: וואָס, אַ גוי? אַ משומד?

רבקה: חלילה. אַ יידישער בחור, אַ הייליקער ממש, נאָר דאָך פון אַנדערע וועלטן.

בריסקער: ווער איז ער?

רבקה: איך קען עס אייך ניט זאָגן. (דער געזאַנג פון דרויסן הערט הילכיקער) זיי גייען שוין, און איר, בריסקער, זיינט דאָך דער קאַפּעלמייסטער. זייט גרייט.

בריסקער: אָבער איך בין מער ניט פריילעך. ניט שמחת־תורה נאָר תשעה־באב איז היינט ביי מיר. אַ חורבן... כ׳האָב אַ הייליקייט פארלוירן –

רבקה: איך בעט אייך – מיין טאַטע קען זיך חלילה דערוויסן און ווערן קראַנק – אין נאָמען פון אייער ליבע

צו מיר — גייט אָן מיט אייער שפּיל — זייט פריילעך — מאַנט פריילעך — וואָלאָזשינער ישיבה רופט אייך —

בריסקער: יע, וואָלאָזשין רופט — צוליב דיר וועל איך עס טאָן, ניט צוליב וואָלאָזשין. וואָלאָזשין האָט מער קיין צויבער ניט פאַר מיר.

(דער געזאַנג פון דרויסן ווערט מיטאַמאָל שטאַרקער. מ׳דערהערט די מאָסע אַנקומענדיקע טריט. מיטאַמאָל לאָזט זיך אַריין דער עולם. פאָרויס דער ראש-ישיבה, הינטער אים דער שמש און משגיח, און הינטער זיי די ישיבה-בחורים. זיי גייען אַריין זינגענדיק דעם טראַדיציאָנעלן וואָלאָזשינער גוט יום-טוב!-ניגון).

(אַלע צוזעצן זיך, דער רב מיטן משגיח אויבן-אָן, רעכטס; דער משגיח בלייבט שטיין נעבן רב. די בחורים זעצן זיך אַרום טיש. ווייט לינקס זיצט אַ פאַרטראַכטער פּרוש מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד, און אין סאַמע מיטן זיצט דער ליבאַוויטשער מקובל. די מיידלעך קוקן אַריין דורך די פענסטער).

בריסקער:

ברשות מורנו ורבנו,\
חמדת נפשנו,\
הרב הגאון והצדיק ר׳ מיכאל,\
מאור הגולה ותפארת ישראל,\
ראש הישיבה הקדושה „עץ חיים“,\
וועלן מיר איצט זינגען אַ ניגון אַ נייעם.

(אַלע זינגען אַ ניגון)

ברשות מורנו הגדול, שבחיו מי ימנה,\
וועלן מיר איצט זינגען אונזער ישיבה-הימנע.

הימנע פון וואָלאָזשינער ישיבה

עץ חיים, בוים פון לעבן, היים פון תורה;\
וואָלאָזשינער ישיבה פון רב חיים;\
די צווייטע הייליקע ירושלים;\
מיר זינגען דיר אַ הימנע מיט גרויס מורא.

דורך יבנה און דורך אושא און דורך סורא,
דורך טראָיאַס, דורך סעוויל און דורך גראַנאַדע,
דורך פייניקונג און פלאַם פון טאָרקוועמאַדע —
האָט אונזער תורה דורכמאַרשירט מיט גבורה.

עס זיינען דיינע וואָרצלען טיף אין באָדן,
די צווייגן דיינע גרייכן ביז די שטערן,
מיט פרוכטן פאַר די גייסטיקע באַגערן
פון יעדן יידן, זיינען זיי באַלאָדן.

דערמאָנען מיר זיך אָן די גרויסע מענטשן,
וואָס האָבן אין וואָלאָזשין זיך דערצויגן,
און אין די חכמה-הימלען הויך דערפלויגן,
דאַן הויבן מיר, ישיבה, דיך אָן בענטשן.

מיר לערנען ש״ס מיט אַלע קאָמענטאַרן
און פלפלען זיך אין קצות און אין נתיבות.
ווער איז, אין אַלע רומפולע ישיבות,
אין תורה-שלאַכט אַזוי ווי מיר דערפאַרן?

און ווען מיר וועלן מוזן דיך פאַרלאָזן,
וועט אין דעם בלוט פון אונזער יעדן אבר
אויך שטראָמען אַ געטריישאַפט ביזן קבר
פון אונז צו דיר, ישיבה פון וואָלאָזשין,
ישיבה פון וואָלאָזשין.

*

רעבעצן (גייט אריין): גוט יום-טוב, קינדערלעך!
אַלע: גוט יום-טוב, רעבעצן!
בריסקער:
לכבוד הרבנית, הצדקנית והמשכלת,
וואָס איז זיסער פון האָניק און פון מעלעס,
די בראַווע אשת-חיל פון „עץ-חיים״,
וועלן מיר מאַכן אַ „לחיים״.

אַלע: (טרינקען און זינגען) לחיים! (פאַרבייסן מיט לעקעך און הערינג).

ברִיסקער:

מורי ורבותי,
עס איז אַ מנהג מימים קדמונים,
פון די ראשונים ביז די אחרונים,
אַז שמחת־תורה אין הויז פון רבין,
זאָל ער לאַנג און גליקלעך לעבן,
ווען אַלע קומען זיך צוזאַמען,
מוז מען רעדן נאָר אין גראַמען.
ערשטנס וועט דער עולם לאַכן
פון די וואָס קאָנען קיין גראַמען ניט מאַכן,
און לאַכן אום שמחת־תורה
איז אַ מצוה, ניט קיין עבירה.
און צווייטנס, וועלן די נאַראָנים און די
וואָס זיינען באַשיידן
מורא האָבן אַ וואָרט אויסצורײדן.

רעבעצן: איך בעט דעם עולם –

בריסקער:

שאַ, רעבעצן, עס טוט מיר זייער לייד,
וואָס איך שלאָג איבער אייערע זיסע רייד,
אָבער אום אייערע ווערטער זאָלן האָבן
אַ יום־טוב־טעם,
מוזט איר זיי רעדן צום גראַם.

רעבעצן:

איך וועל פאָלגן דעם בחור וואָס איז ניט
קיין גולם,
און מודיע זיין דעם ליבן עולם,
אַז איר זיינט אַלע געבעטן
אָט־די שוועל אַריבערטרעטן
און אַריינגיין געניסן –

בריסקער: וואָס?

רעבעצן: איר וועט שוין וויסן.

אלע: אַ יישר כוח, רעבעצן, אַ דאַנק! הלוואי איבער אַ יאָר.

(אַלע גייען אַריין פון דער וועראַנדע אין הויז. עס בלייבט נאָר דער מקובל אַ פאַרטראַכטער).

רבקה (גייט אַרויס צו אים פון הויז און קוקט זיך פאַרזיכטיק אַרום): ליבאַוויטשער, פאַרוואָס ביזטו אַזוי פאַרזאָרגט? פאַרוואָס נעמסטו ניט קיין מזונות, קיין טרונק בראָנפן? (ברענגט אים שנאַפּס און לעקאַך) נעם. —

ליבאַוויטשער מקובל (כאַפּט זיך אויף ווי פון שלאָף): ווער, איך, לעקאַך? אַ דאַנק. ווי אַזוי קען איך זיך לאָזן וווילגיין, אַז מיין נשמה איז פול מיט בענקשאַפט. —

רבקה: בענקשאַפט, נאָך וועמען?

מקובל: נאָך דער שכינה. די גאַנצע שעפונג בענקט. אַלע וועלטן—פון אויבן און פון אונטן גאָרן נאָך דער שכינה — אונזער פשוטע וועלט, די עולם העשיה, בענקט נאָך דעם עולם היצירה, וווּ די מלאכים זינגען. די מלאכים בענקען נאָך דער וועלט פון בריאה, וווּ שדי־מטטרון פירט אָן די מלוכה אין נאָמען פון גאָט. און שדי־מטטרון בענקט נאָך דער וועלט פון די 10 ספירות. יעדע נידעריקע ספירה בענקט נאָך דער העכערער ספירה, און די העכסטע ספירה, כתר, בענקט נאָך דער אומענדלעכקייט וואָס הייסט גאָט, אין סוף.

רבקה: און ווען אַ מאַן און אַ פרוי בענקען איינער נאָך אַנדערער?

מקובל: איז זייער בענקשאַפט אויך אַ גאַרונג צו גאָט. ווייל אַלע נשמות זיינען אַ טייל פון גאָט, און אַזוי ווי וואַסער בענקט נאָך זיין קוואַל, אַזוי בענקט יעדע נשמה נאָך דער וועלט־נשמה: — גאָט. אונזערע נשמות קומען אַראָפּ אויף דער וועלט האַלבע, צובראָכענע, און זיי מוזן זיך באַהעפטן אין פאָרן. ווען אַ נאַקעטע נשמה קומט צו אַ מענטשן און באַהעפט זיך מיט אים — ווערט זי אַן עיבור, אַ דיבוק,

אַ קללה, אָבער ווען צוויי נשמות באַהעפטן זיך דורך זייערע צוויי גופות, דאַן ווערט דער זיווג אַ זיווג אין הימל, „והיו״— און זיי ווערן, „לבשר״ – פליש, „אח – – – ד״ – איינער. איין פליש, איין קערפער. איך קען אַ נשמה, וואָס איז פו? מיט צער פון בענקשאַפט.

ר ב ק ה: ווו איז זי?

מ ק ו ב ל: דאָ אין וואָלאָזשין און היינט ביינאַכט וועל איך זי קומען טרייסטן פון איר אומעט.

ר ב ק ה: היינט ביינאַכט? וויפל אַזייגער?

מ ק ו ב ל: צוויי אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט, ווען אַלע שלאָפן.

ר ב ק ה: ווו?

מ ק ו ב ל: אין קעלער פון ישיבה.

ר ב ק ה: אין קעלער? פאַרוואָס אין קעלער?

מ ק ו ב ל: ווייל דאָרטן וואַרט זי אויף מיר.

ר ב ק ה: ווער איז זי?

מ ק ו ב ל: ווער איז זי? זי איז יונג און שיין, נאָר זי האָט אַ פסול, אַ פגימה.

ר ב ק ה: ווער איז זי, איך בעט אייך –

מ ק ו ב ל: זי איז אַ יונגע שיינע ספר-תורה, געשריבן פון אַ סופר אַ צדיק, נאָר אַנומעלטן האָט מען געפונען אין איר אַ גרייז אין דעם 4-אותיותדיקן נאָמען פון גאָט, און מען האָט זי אַרויסגענומען פון שיינעם ארון קודש און אַריינגעלייגט אין דער גרויסער פאַס פון די פסולע שמות, וועלכע מען קלייבט אין קעלער פון ישיבה. ווײנט די ספר תורה, דער כשרער פאַרמעט, די כשרע טינט, די כשרע פעדים-אָדערן, און די הייליקע אותיות, איבערהויפט די הייליקע נעמען פון ה ו י ה בענקען נאָך דעם מויל פון בעל-קורא, וועלכער פלעגט זיי אַרויסלייענען און מאַכן זיי לעבעדיק, און שיקן זיי צום הימל באַפליגלט, געליטערט. די נשמה פון אָט-דער ספר-תורה קומט צו מיר אין חלום און גיט מיר ניט קיין רו. וועל איך היינט שפּעט ביינאַכט דאָרטן קומען, אָנטאָן אַ פסולן טלית,

מיט פסולע תּפילין, וועלכע ליידן אויך דעם צער פון בענק־שאַפט, און עפענען די פסולע תורה און לייענען: (מיטן ניגון פון טראָפּ) כּי תשמע בקול ה׳ אלהיך לשמור מצוותיו וחקתיו הכתובה בספר התורה הזה. און די תורה וועט מיינען, אַז זי איז ווידער יונג און באַהעפט צו דער וועלט. און די פּסולע מזוזות פון גליקלעכע היימען, און די צוריסענע חומשים פון אומשולדיקע חדר־יינגלעך, און די צוריסענע גמרות און הייליקע ספרים וועלן אַלע ענטפערן אמן. און אין אַלע עולמות עליונים וועט זיך צושפּרייטן אַ פרייד.

ר ב ק ה: אָ, איך בעט דיר, טו עס ניט מער. קענסט נאָך אַראָפּ פון זינען. עס איז אַ מורא צו גיין אַליין ביינאַכט אין ישיבה־קעלער.

מ ק ו ב ל: איך בין פון די, וועלכע האָבן ניט קיין מורא. איך בין באַשיצט. איך ווייס דעם ריכטיקן שפּרוך.

ר ב ק ה: אָבער פרעמדע — זיי קענען דאָך מיינען, אַז דו ביזט געריירט. —

מ ק ו ב ל: פרעמדע? וואָס אַרט מיר וואָס פרעמדע וועלן מיינען?

ר ב ק ה; און איך אויך. איך דענק אויך, אַז דו האָלסט ביים פאַרלירן דיין פאַרשטאַנד.

מ ק ו ב ל: דו — אויך?

ר ב ק ה: איך אויך — איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט זיך אָפּגעבן מיט ווילדער קבלה — מיין מאַמע זאָגט, אַז דער וואָס שפּילט זיך מיט הייליקע צירופים, איז אין געפאַר פאַר־ברענט צו ווערן.

מ ק ו ב ל: נו איז וואָס? ס׳איז בעסער פאַרברענט צו ווערן אין אַ הייליקן פייער, געשיקט פון הימל, ווי פאַרפרוירן צו ווערן ביי אַ בלאַט גמרא, ווי אַ מתנגד.

ר ב ק ה: אָבער א י ך דאַרף דיך האָבן — איך דאַרף דיך האָבן אויף ד ע ר וועלט. איך וויל געניסן גליק, פרייד, ניט אומעט און גרויל.

מקובל: איידער איך מאַך פאַרטיק מיין הייליקע אַר־בעט, קען איך אָבער ניט טראַכטן וועגן דיר.

רבקה: וואָס איז דיין הייליקע אַרבעט?

מקובל (קוקט זיך אַרום): איך וויל ברענגען משיחן.

רבקה: משיחן? וואָס איז דאָס פאַר אַ משוגעת? קנאַפּ פאַלשע משיחים זיינען געווען ביי יידן?

מקובל: יע, עס זיינען געווען פאַלשע, אַ סך — אָבער דער וועט זיין אַן אמתער. כ'האָב אַ הייליקן כתב פון אר"י הקדוש — ער ברענגט אַלע 72 נעמען פון רבונו של עולם — דעם שם המפורש — איך קען שוין אַרויסרעדן 52 נעמען — ווען איך וועל קענען אַרויסרעדן 71 נעמען פון גאָט, וועל איך קענען אַראָפּברענגען משיחן — אַלע נשמות וועלן זיך אומקערן צו זייער קוואַל און משיח וועט קומען. — ווען איך וועל קענען אַרויסרעדן אַלע 72 נעמען פון גאָט — דעם פולן שם המפורש, דאַן —

רבקה: דאַן —

מקובל: דאַן ווער איך משיח אַליין.

רבקה: משיח — אָ, איך האָב מורא פאַר דיין לעבן — הויב זיך ניט אָן מיט זיי, מיט די מלאכים און די ניט־גוטע — שטעק ניט אַריין דיין קאָפּ אין אַזאַ פייער —

מקובל: אָבער איך בין אויף דעם באַשאַפן געוואָרן, לכך נוצרתי, — איך מוז עס.

רבקה: ניין, טייערער, דו ביזט ניט באַשאַפן געוואָרן פאַר קבלה—ביזט באַשאַפן געוואָרן פאַר מיר — פאַר אונזער לי־בע, פאַר אונזער גליק.

מקובל: אונזער ליבע וועט קומען שפּעטער — און אויב איך ווער משיח — ווערט בכלל די וועלט חרוב — אויס גוף און אויס תאוה. רבקהלע, איך געהער דערווייל ניט צו דיר. איך געהער צו די הייליקע אותיות, צו די סודותפולע ספרים, צו די פאַרבאָרגענע וועלטן.

רבקה: ניין, געהערסט צו מיר.

מקובל (שפּרינגט אָפּ פון איר): כ'האָב מורא, אַז דו ביזט

אַליין אַ ניצוץ פון לילית – און אפשר שיקט זי דיר צו מיר – יע – זי צינדט עס אָן אין מיין האַרצן אַ ליבע צו דיר, אום איך זאָל דערוויל פאַרגעסן מיין מלחמה מיט די פינסטערע כּוחות, אָבער איך — איך וועל אפילו מיין האַרץ אויסרייסן, איידער צו פאַרלירן אַלע וועלטן — לאָז מיר – נאָך איין יאָר – בלויז איין יאָר זוכעניש – התבודדות – פאַרטיפּעניש– נאָך 20 נעמען פון גאָט — 52 האָב איך שוין –

רבקה: איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן – און אויב לילית העלפט מיר, געבענטשט זאָל זי זיין – קום, לילית, קומט, פינסטערע כּוחות – העלפט מיר – שיקט מיין געליבטן צוריק צו דער ערד – (פאַלט אַנידער).

מקובל (וועקט זי): רבקהלע, רבקהלע — (לויפט אַרויס אַ צושראָקענער, זעצט זי אַנדלעך אַנידער).

בריסקער (לויפט אַריין): וואָס איז דאָס?

מקובל: כ'ווייס אויך ניט – כ'דענק פּילייכט האָט זי עפּעס געטרונקען צו שטאַרק.

רבקה (שטאַרקט זיך): גאָרניט, גאָרניט. נו, בריסקער, האַלט איר וואָרט? זייט פריילעך און מאַכט פריילעך. וואָלאָ־זשין פאָדערט.

בריסקער: יע, איך וועל האַלטן וואָרט (שרייט אַריין אין טיר).

העי, איר גאַנצע קאָמאַנדע,
קומט אַרויס אויף דער וועראַנדע.
(ישיבה־בחורים קומען אַריין און זעצן זיך)
אַזוי ווי דער רבי איז דאָ ניטאָ,
וועל איך קענען איצטער דאָ
אַלע קאָמעדיאַנטן פּרעזענטירן
זיי זאָלן קלוג אונז אַמוזירן.
צום אַלעם ערשטן וועט איר זיין צופרידן
צו זען דעם טאַנץ פון אַ גזלן מיט אַ יידן.
דער טאַנץ איז אַלט, די ווערטער ניי –
(קלאַפּט) איינס, צוויי, דריי!

(דורכן טיר פון הויז דערשיינען אויף דער וועראנדע דער שמש אלס דע יידליק. קוים וואס ער לעבט. מיט אויסגעקוימטע „טשאפלין״-פיס און א קאלטע-געוואטע בערדל. אונטערן אָרעם טראָגט ער א טלית-זאק, וועלכער אנטהאלט א טלית ותפילין און א שווערן סידור. דער גזלן מיט א פאָר לאנגע וואנצעס, טראָגט א שווערד און א הויכע הוט, געמאכט פון א קליין קישעלע, צוגעבונדן מיט צוויי בענדלעך צום קין).

דער גזלן-טאנץ

גזלן:

איך בין אַ גזלן פון דעם שוואַרצן וואַלד,
מיין וואָפן איז אַ שאַרפער לאַנגער שווערד.
און אויב מיין קרבן מאַכט אַ הויכן געוואַלד –
דאַן פאַלט ער באַלד אַ טויטער אויף דער ערד.

ייד:

איך בין אַ יידל פון אַ קליינער שטאָט,
איך האָב אַ ווייב און קינדערלעך אַ טוץ,
איך גיי אין פעלד און וואַלד אויף גאָטס באַראָט:
ער איז מיין היטער און מיין טרייער שוץ.

גזלן:

אַהאַ, ווער גייט דאָרט אין מיין וואַלד אַליין,
אַהער קום, שלאַק, אַהער דערלאַנג דיין געלט!
געשווינד, עס וועט דיר העלפן קיין געוויין –
דו ביסט פאַרלאָרן פאַר דער גאַנצער וועלט.

ייד:

אָ ליבער פריץ, לאָז מיך איצט צורו,
ניטאָ ביי מיר קיין סחורה און קיין גוטס.
מיין גאַנץ פאַרמעגן איז אַ ראַבע קו,
אַ קראַנקע ווייב און קינדערלעך אַ טוץ.

גזלן:

דו כיטרער יידליק, מיינסט, אַז איך בין בלינד,
איך זע דען ניט דעם זעקל, וואָס דו טראָגסט?

די מאַך קיין שהיות, גיב אַהער געשווינד
די גאַנצע סחורה, וואָס דו דאַרפסט פאַרמאָגסט!

ייד:

אַ ליבער פריץ, קענסטו ניט פאַרשטיין:
אַן אביון טראָגט ניט אוצרות אין זיין פּאַק.
דאָס איז מיין ליבער טלית תפילין-זאַק —
אַ פריצל, באַנעם נאָר מיין געוויין.

גזלן:

דיין פעקל, כיטרער יידליק, גליייך דערלאַנג,
(כאַפּט אַרויס פון אים)
וואָס טוט איר, יידן, מיט אַ מאָדנער טוך?
צו וואָס די מאָדנע רימענס שוואַרץ און לאַנג?
וואָס טוט איר, יידליקעס, מיט אַזאַ בוך?

ייד:

דער פריצל וועט וויסן וואָס ער וויל,
דער פריצל וועט וויסן קורץ און קלאָר.
דער פריצל טאָר ניט שאָקלען מיט אַ האָר,
דער פריצל דאַרף שטיין איצט זייער שטיל.
(דער ייד פאַרבינדט אים די אויגן מיט דעם טלית)
די טוך אויפן פנים מיטן נאָז אַראָפּ.
(דער ייד בינדט אים די הענט אויף הינטער מיט די רצועות.)
די שוואַרצע רימענס לייגט מען אויף די הענט.
(דער ייד נעמט דעם סידור)
דעם בוך, אַ גזלן, ווערסטו נאָר פאַרברענט,
איך וועל מיט אים צופּלעטן איצט דיין קאָפּ.
(ייד גיט אַ זעץ גזלן איבערן קאָפּ. גזלן פאַלט אַ טויטער).

בריסקער:

און איצט וועט קומען אַ יידענע מיט אַלע מעלות
און פרעגן ביי אונז צוויי קלוגע שאלות.

די גרינגע און די הארבע שאלה

(עס גייט אריין א בחור, פארקליידט אלס א יידענע)

יידענע:

גוט באוונט, יידן, ווי אייך איז טייער דער לעבן,
לאזט מיך צו צום רבין.

בריסקער:

איך בין דער רבי, שא, מאכט ניט קיין יעלות!

יידענע:

איך האב אייך צו פרעגן צוויי שאלות.
איינע איז אזוי לייכט און קליין,
אז איך האב זי געפסקנט אליין.

בריסקער:

זאג מיר, דו אשה, די שאלה אויף גיך.

יידענע:

איך און א גויה האבן איין קיך,
קאכט זי א שטיק חזיר און איך קאך א הינדל,
איך האב ברוך השם א גאנץ היפשע געזינדל.
האט דאך מיין שכנה א גויאישקע קאפ,
לייגט זי דעם חזיר אריין אין מיין טאפ.
דערלאנג איך מיין מאן זיין אכילה אין שיסל,
א גוואלד: דערזעט ער א חזירשע פיסל.

בריסקער:

ווי האט איר געפסקנט די דאזיקע שאלה?

יידענע:

עס האט ניט גענומען קיין ווילע —
כשר!

בריסקער:

כשר? חזיר איז דאך אסור?

ײדענע:
אָבער טעות גוי מותּר,
אַז אַ גוי מאַכט אַ טעות — איז כאַפּט אים דער
ניט-גוטער,
דערפאַר האָב איך, רבי, אַ שאלה אַ צווייטע,
אויף וועלכער איך האָב ניט קיין תשובה קיין גרייטע.
כ'האָב אויף שבת גענומען אַ גענזענע האַלז
און אָנגעשטאָפּט פול מיט מעל און מיט שמאַלץ,
און פאַרניים מיט אַ נאָדל און פאָדעם גאַנץ ציכטיק,
איז דאָך די נאָדל שוין פליישיק, ניט ריכטיק?
היינט זעט נאָר אַן אומגליק, ממש איך פּלאַץ,
צררייסט זיך אַנומלט מיין אַלטער מאַטראַץ,
כאַפּ איך די נאָדל די זעלבע
און פאַרניי אים מיט פאָדעם ברוין-געלבע,
איז דער מאַטראַץ פליישיק, ניט זיכער?
בריסקער:
מאַכט ניט קיין שהיות און ענדיקט וואָס גיכער!
ײדענע:
עסט זיך מיין מאַן אָן מיט מילכיקע קרעפּלעך,
אַז ס'פּלאַצן ביי אים פון די הויזן די קנעפּלעך.
מיט אַ מילכיקער בויך לייגט זיך מיין שאַץ
אויף דעם פליישיקן מאַטראַץ.
היינט וואָס זאָל איך טאָן, מיין מאַן איז דאָך טריף
ווי אַ שטיק גרינע חלבנע זייף!
זאָגט מיר, רבי, זאָגט מיר באמונה,
צי דאַרף איך אַ גט, צי בין איך אַן עגונה?
צי מעג איך מיט אים וווינען אָן אַ מחיצה,
און אפשר דאַרף איך גאָר קריגן חליצה?
איך בעט אייך מחילה —
בריסקער:
חס וחלילה!

גיט אייער מאַן אַ גוטן פּאַך
און זאָל ער אויפפרעסן דעם מאַטראַץ,
אָדער אַראָפּשלינגען די נאָדל אין מים אחרונים.

יידענע:

ער וועט שוין ביי מיר האָבן אַ פּנים אַ שיינעם. (אָפּ)

בריסקער:

און איצט וועט עמיצער מיט גנאַדע
זינגען די ישיבהשע באַלאַדע:

דער קאַמאַיער בחור אָרע

ווילנער:

אַלע שלאָפן שוין אין שטעטל.
אַך ווי כמאַרנע ס'איז דער הימל!
איינער ליגט ניט אין זיין בעטל,
איינער כאַפּט איצט ניט קיין דרימל.

דער קאַמאַיער בחור אָרע
זיצט אַ משמר אין ישיבה,
און זיין פּעכיק שוואַרצע גריווע
וויגט זיך איבער דער גמרא.

און אַזוי ווי אויף צעלאָכעס
לאָזן זיך אַראָפּ די ברעמען.
הויבט זיך אָרע אָן צו שעמען:
ס'טייטש! ס'איז אָפן מסכתא ברכות.

ס'שלאָגט שוין צוויי דער אַלטער זייגער,
אָבער אָרע זינגט אַ ניגון,
הויבט זיך שטאַרקער אָן צו וויגן
אויף זיין אַלטן ליבן שטייגער.

(מיט אַ גמרא־ניגון)

זאָגט בנימין אין גמרא:
„שדים זיינען דאָ מיליאָנען:
וואָלט די אויג זיי זעען קאָנען —
וואָלט מען שטאַרבן, איז אַ סברא".

זאָגט רב הונא דאָרטן אויבן:
„רעכטס — די שדים אַ מיריאַדע,
לינקס — צען־הונדערטער אוודאי".
מוז מען דאָך רב הונאן גלויבן.

קוקט זיך אָרע שטיל אַרומעט!
— האָט דאָרטן די טיר געסקריפּעט?
כאַפּט אים אָן אַ גרויסער אומעט!
— האָט דאָרט עמיצער געכליפּעט?

וויל פאַרנעמען אַלצדינג אָרע,
זופּט ער די גמרא ווייטער,
אין דער ווייבערשער עזרה
לאַכט איצט עמיץ אַ פאַרשייטער — —

יע, ער זעט דאָרטן אַ צורה,
אויגן־לעכער פון אַ שאַרבן.
יע, עס איז די לעצטע שורה —
ער וועט היינט ביינאַכט נאָך שטאַרבן.

באַלד הילכט אויס אַ ווילד געלעכטער,
אַז עס טרייסלען זיך די פענסטער.
אויף זיין לינקער זייט און רעכטער
זיצן שרעקלעכע געשפענסטער.

איינער נעמט אים אָן ביים נאַקן,

און ביים גאָרגל כאַפּט אַ צווייטער.
כּוּ! און כאַ! אַ ווילדער כראַקען!
אָרע פאַלט אַראָפּ אַ טויטער

קומט דער שמש אין פרימאָרגן
אויף דער ערד — אַ בגד וועמעס?
— יידן: אָרע ליגט דערוואָרגן?!
טאַקע? — ברוך דין אמת.

*

בריסקער

און איצט וועלן מיר מכבד זיין אַ בחור מיט קוראַזש,
הבחור נקדימון בן חנוכּה מקאַווקאַז,
מיט אַ טענצל פון טשערקעסן,
וועלכן איר וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

קאַווקאַזער (גייט אַ טענצל).

בריסקער:

אונזער משגיח איז דאָך זייער קאַרג
און לאָזט אונז טראָגן חובות אַ באַרג.
הויבן מיר אים אָן געלט צו מאָנען,
גיט ער אונז פּאַפּירענע טאַלאָנען.
בעטן מיר אים אויף שיך נייע —
ברענגט ער אונז פון גמרא אַ ראיה,
אַז די כּהנים קינד און קייט
זיינען געגאַנגען באָרוועסערהייט.
בעטן מיר אים אויף הוצאות,
זאָגט ער: איך האָב ביי זיך קיין מעות.
ער קערט אָבער איבער די וועלט,
אויבע איינער פון אונז פעלט.
און אויב איינער קומט דאָרט שפּעט,
גייט ער צו און רעדט און רעדט.

אָבער איצטער בנאמנות
וועט ער אונז זינגען אַ שטיקעלע חזנות.

מ ש ג י ח:
חברה קונדסים וואָס איר זייט,
איר טרייבט ליצנות אויף עלטערע לייט.
ווי קען איך זינגען אַז מיין קול
איז שוין ניט דאָס וואָס איז אַמאָל?

ב ר י ס ק ע ר:
לאָזט זיך, ר' משגיח, לאַנג ניט בעטן,
און איך קען זיך מיט אייך וועטן,
אַז מיט אייער שטאַרקער שטים
קענט איר נאָך ווערן אַ חזן אין קרים.

*

מ ש ג י ח (זינגט אַ תפילה).

ב ר י ס ק ע ר:
יעמוד בחור חכם וקראַסאַוועץ,
החתן המקובל מליבאַוועץ.
מיר אַלע זיינען מתנגדישע יידן
און זיינען מיט אונזער חלק צופרידן.
אָן שמאַלץ-הערינג און טאָרט
רירן מיר זיך ניט פון אָרט.
מען זאָגט אַז ליטוואַקעס געבוירענע
זיינען בולבעס פאַרפרוירענע.
מיר דאַווענען צו שטיל
און זינגען אָן געפיל.
מיר פלפלען זיך אין גאַס און מאַרק
און אונזער שנאַפס איז גאָר ניט שטאַרק.
פראָסטאַקעס גאָלע,
אָן אַ ידיעה אין קבלה.

דרום פרייט מיר אייך צו לאָזן וויסן,
אַז מיר קענען היינט געניסן
אַ ניגון פון אַ חסיד אַן עכטן
וועלכן מיר קענען ניט פון נעכטן.
ער איז ווערט נדן אַ מיליאָן רובל,
אַ קלייניקייט: אַ בחור אַ מקובל,
אַ גרויסער מייסטער
צוריידן מיט גייסטער,
און צווישן שיינע יידישע טעכטער
איז ער אַ קאַוואַליער אַן עכטער — כע, כע.

יעמוד הבחור החכם והקראַסאַוועץ,
החתן שמואל מליבאַוועץ,
און זינגען אַ ניגון
פאַר אונזער פאַרגעניגן.

מ ק ו ב ל (קוקט זיך ארום פארוואונדערט און ענטפערט ניט).

ב ר י ס ק ע ר :

ר׳ מקובל, וואָס לאָזט איר זיך בעטן?
וואַרט איר אויף קעניגלעכע שטאַפעטן?
זיינט איר דער איינציקערביים טיש
וואָס איז שטום ווי אַ פיש?

מ ק ו ב ל :

עס זיינען דאָ ניגונים צוויי
פון פרייד און — וויי.
עס טוט מיר לייד
איך פיל קיין פרייד.
און אום שמחת-תורה אַ געוויין
איז דאָך ניט שיין.

אויסער דעם מוזט איר וויסן,
אַ סאָלדאַט שיסט ווען מען הייסט אים שיסן:
ער האָט דעם ביקס, ער האָט די קוילן,
מען דאַרף אים בלויז באַפוילן.

אָבער אום צו זינגען דעם ריכטיקן ניגון,
דאַרף מען פון אויבן באַגייסטערונג קריגן.

אַ האַלז און אַ צונג
זיינען גענוג פאַר וואָכעדיקן זונג,
אָבער פאַר אַ ניגון פון קדושה,
וואָס קומט אַריבער בירושה,
פאַר דעם זמר פון יענע העלדישע דורות,
וואָס האָבן מיט ספרי־תורות
אויף די הענט
אויף די שייטערהויפנס געברענט,
ווען די גליענדע קאַמען
פון די שוואַרץ־רויטע פלאַמען
האָבן געשרפעט זייערע שוואַכע גלידער —
צו זינגען זייערע לידער,
זייער הימעלשן שיר,
דאַרף מען פריער
באַקומען פון אַ מלאך אָדער פון דער שכינה
די ריכטיקע שטימונג פאַר דער נגינה.

בריסקער:
כ'בעט אייך, מקובל, צו וואָס די הקדמה?
צו וואָס ריידן וועגן אַ ספּעציעלער נשמה,
אַ ווונק פון אַ מלאך, אַ גלעט פון דער שכינה
פאַר יעדער נגינה?

צו וואָס אויף נאמנות,
די אַלע הכנות?

אַז געזונגען, זאָל זיין געזונגען,
יע געלונגען — ניט געלונגען.

מקובל (ווייזט מיט זיינע פינגער אויפן קהל):
איז דען דאָ איינער פון אייך,
מיט קדושה רייך,
צוליב וועמענס זכות
די שכינה מוז
אונז טאָן דעם פאַרגעניגן
און אַראָפּשיקן דעס ריכטיקן ניגון?

איר זיינט דאָך אַלע פון יונג ביז גרייז
מתנגדים קאַלט ווי אייז,
טרוקן ווי ביין,
און האַרט ווי שטיין.
ווער פון אייך זיינע הענט אין פאַרצווייפלונג ברעכט,
דורך לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט,
צוליב דעם גלות פון אונזער שכינה
אין אונזער מדינה?

ווער רייסט ביי אייך פון הימל-טויער דעם ריגל?
ווער שוועבט ביי אייך מיט בענקשאַפט-פליגל?
אייערע ניגונים פאַר אייערע אויערן,
אָבער מיינע — צו די הימלשע טויערן.

בריסקער:
זעט נאָר חברים,
קדושים וטהורים,
ווי גיך
ער האָט פון זיך
אַזאַ פּאַראַד געמאַכט
און זיך געמאָלן אין גרויס פּראַכט.

צופיעשצעט ווי אַ מוזיניק
און מיט רעיונות פון אַ שבתי-צביניק.
אַמאָליקע ברענענדיקע ליטוואַקעס
וואָלטן מיט קולאַקעס
אַזאַ פאַרגלאָצטן חסיד צוקיילט
און צובייל.
זעט נאָר, איינער פון אונז מוז
האָבן אַ זכות
פון דעם לאָגל טרערן
אַ ניגון הערן!
(ווענדט זיך צום עולם מיט סאַרקאַזם)
אדרבא, ווער פון אייך
איז מיט קדושה רייך?
כאַ, כאַ, כאַ.

ר ב ק ה:
שאַ!
אַ ל ע:
גראַמען, גראַמען!
ר ב ק ה:
שאַ, ניט אַלע צוזאַמען.
ליבאַוויטשער, טוט מיר — אונז דעם פאַרגעניגן
און זינגט אונז אַ ניגון.
איך האָב ניט איין מאָל
געהערט אייער צויבער-קול
זייער שפעט אין דער נאַכט,
ווען איך האָב געוואַכט,
און איר זיינט אין ישיבה אַ משמר געזעסן,
כ'קען עס ניט פאַרגעסן.
ביטע,
קריגט אויף זיך שליטה,
זאָגט ניט — ניטע!

(אלע זיינען איבעררא־שט פון רבקהס ארויסטאָר, דער מקובל גייט צו צו איר, קוקט זיך איין אין אירע אויגן, פארטיפט זיך און זאָגט מיט א ניגון פון חסידות).

זקובל:

זאָגט ר׳ שניאור זלמן, זכר צדיק לברכה:
— ווען די זון פון הצלחה
שיינט אין יידנס הויז אַריין,
און ער האָלט ביים פריילעך זיין,
זאָל ער אויף גיך
זאָגן צו זיך:
— זאָל זיך פרייען נאָר מיין נשמה,
מיין גוף — איז טמא!
זאָגט דער גרויסער זשעני,
ר׳ שניאור זלמן מלאדי:
— אויב דו ביזט אין געפאַר,
אָדער האָסט אַ גרויסן צער,
פיל זיך ניט פאַרלאָרן —
ברענג גלייך אַרויף אויף דיין זכרון,
אַז דער וואָס האָט קיין אָנהויב און קיין ענד,
און זיין פייער אייביק ברענט,
אָן א ברעג און אָן א שיעור,
איז דאָך אימער נעבן דיר!
און ווו דו גייסט
און ווו דו שטייסט —
אומעטום
איז זיין רום.
דער גרויסער אַלמעכטיקער בורא,
פאַר וועמען די וועלטן ציטערן אין מורא,
און זינגען יעדן טאָג אַ שיר—
איז מיט דיר.

לית אתר דפני מניה*),
אָי ווײ, אָי ווײ!
לית אתר דפני מניה,
אָי ווײ, אָי ווײ!

אַך גרויסער גאָט, דו ביזט געווען
איידער אַלץ איז געשען.
און דו ביזט
אין אַלע וועלטן געגריסט.

דו וועסט אויך זיין,
ווען די זון וועט פאַרלירן איר שיין,
און דער תהו ובהו וועט זינגען דיין לויב,
ווען די ערד וועט ווערן שטויב.

אָ גאָט, אָ שכינה, ביזט אומעטום.
קום, נעם מיך אַרום.
מיין האַרץ גייט אויס צו דיר.
טוליע זיך צו מיר.

(הויבט אָן טאַנצן אין עקסטאַז, און טאַנצנדיק פאַרביי רבקהן, זאָגט ער צו איר)

אָ, שכינה ריינע,
הייליקע שיינע,
טאַנץ מיט מיר —

(נעמט זי אַרום און טאַנצט מיט איר. דער בריסקער לויפט גלייך אריין אין הויז און קומט אַרויס מיטן ראש ישיבה).

ראש ישיבה: האַלט! וואָס איז דאָס? אַ בחור מיט אַ מיידל זאָלן טאַנצן? און ביי מיר אין שטוב? די חוצפה און די קלות ראש! און מיט וועמען! דער ליבאַוויטשער חסיד!

---

*) ס'איז ניטאָ קיין פּלאַץ, וווּ ער איז ניטאָ.

טויט ווי זמרי, און האַלט זיך ווי פנחס! מיט אַ מיידל ביי מיר אין הויז!

(רבקה און מקובל שפּרינגען אָפּ איינע פון אַנדערן מיט שרעק).

מקובל: רבי... אַנטשולדיקט מיר... איך דענק איר האָט אַ טעות... וועלכע מיידל... כ'האָב ניט געטאַנצט מיט אַ מיידל... קיינמאָל ניט מיט אַ מיידל.

בריסקער (מייזט אויף רבקהן): און וואָס איז זי? אַ מאַנסביל?

מקובל: רבי... איך ווייס אַליין ניט... איך בין גע־קומען צו התפשטות הגשמיות... איך האָב געטאַנצט מיט דער שכינה... יע, איך האָב געפילט... איך האָב געטאַנצט מיט דער אמא פון הימל, מיט דער מטרוניתא, מיט דער הייליקער שכינה.

בריסקער: אייער שכינה, כביכול, טראָגט אַ קליידל.

מקובל: זייט מיר מוחל, רבי. ניט אַלץ דערקלערט זיך מיטן קאַלטן שכל. די אויגן נאַרן... די אויגן זיינען גוף... דער גוף איז אַ טייוול... מיט דער נשמה דאַרף מען קוקן. — איר מתנגדים מיינט, אַז דאָס וואָס איר זעט בחוש, דאָס איז באמת. מיר חסידים, חבדניקעס, ווייסן אָבער, אַז ניט דער עיקר איז דער טאַט, נאָר די כוונה. דער רבי זכרונו לברכה פלעגט זאָגן, אַז איינער קען אַמאָל טאַנצן מיט אַ ספר תורה אין זיינע אָרעמס, און טראַכטן אַז ער טאַנצט, להבדיל, מיט אַ שיקסע, און פאַרקערט, דער אמתער חסיד קען אַמאָל אַ קוש טאָן אַ מיידל, און פילן דעם טעם פון אַ מזוזה. די כוונה איז דער עיקר, רבי, און די כוונה איז טיף פאַרבאָרגן. נאָר די יודעי חן ווייסן עס!

ראש ישיבה:

שווייג, דו חצוף!
די חסידישע פּלאַפּלעריי וועגן כוונה
שטעלט אין סכנה
אונזער גאַנצע אמונה.

אונזער וואָלאָזשינער ישיבה איז געבויט געוואָרן פון ר׳ חיים זכרונו לברכה, לויטן באַפעל פון ווילנער גאון. די פאַלשע תורה פון בעל שם טוב און זיינע תלמידים האָט פאַר־טרונקען פוילן און אוקראַינע, און ווען די לאַדיער חסידים האָבן געהאַלטן ביים דערטרינקען אויך ליטע אין די מוטנע וואַסערן פון זייער טונקעלער לערע, האָט דער ווילנער גאון אויפגעבויט אַ פעסטונג אין ליטע — די וואָלאָזשינער ישיבה. די חסידים פון אַלע מינים האָבן פאַרפעסטעט די לופט מיט ווילדע ווייבערשע אמונות אין די קליפות און אין רוחות. זיי־ערע רביים האָבן זיך גענומען באַרימען אַז זיי רעדן מיט מלאכים און באַקומען זייער לערע פון דער שכינה. זיי האָבן זיך אָנגענומען מבטל צו זיין, כביכול, די גזירות פון אוי־בערשטן, און מיט פדיון איבערצוקערן די געזעצן פון דער וועלט. זיי האָבן פאַרלייקנט דעם איינפאַכן פשט פון דער תורה און גמרא און פאַרטומלט די מוחות מיט פאַלשע רמזים. וואָ־לאָזשין איז די פעסטונג פון נגלה, פון דער אָפענער תורה, ווי קומסטו אַהער, צווישן אונז, דו חבדניק?

מ ק ו ב ל: ווי קום א י ך אַהער? מיט מיינע פיס. אויף צו פאָרן מיט דער באַן, האָב איך קיין הוצאות געהאַט. איך בין געקומען אַהער לע־נען ש״ס, ווייל מ י ר איז די גמרא אַזוי טייער ווי א י י ך. נאָר א י ר מתנגדים זעט בלויז די אוי־סערלעכע שאָלעכץ פון דער גמרא, און מיר, חסידים, זעען אויך דעם אינעווייניקסטן קערנדל. ביי א י י ך איז די תורה אַ פשוטע מעשהלע, ביי אונז, חסידים, איז עס אַן אוצר מיט סודות. איר מיינט אַוודאי אַז אַ פשוטע שלאַנג האָט געגעבן חוהן די פאַרבאָטענע פרוכט, אָבער אונזער קבלה לערנט אונז, אַז דער שלאַנג איז געווען אַ שוואַרצער מ ל א ך, וועלכער האָט אויך באַהערשט חוהן, ווי אַ ליידנשאַפטלעכער מאַן באַ־הערשט אַ פרוי, און קין איז טאַקע געווען די פרוכט פון זיי־ער זינדיקער ליבע. און די זוימען וואָס יענער שוואַרצער מלאך האָט פאַרזייט אין חוהס מוטערלייב האָבן מיר אַלע גע־ירשנט, און אין יעדן פון אונז לעבט אַ קליינער טייוול, איר

לערנט אין גמרא (מיט א ניגון): שור שנגח את הפרה — אַן אָקס וואָס האָט געשטאָכן אַ קו. אָדער: התרנגולין מועדין להלך כדרכן ולשבר -- די הענער האָבן דעם שטייגער צו גיין און צוברעכן. און איר מיינט, אַז די הייליקע גמרא האָט טאַקע קיין אַנדער אַרבעט ניט ווי צו דערציילן אַזעלכע נאַרישקייטן וועגן אָקסן, קי און הענער! (געמט רעדן ווי א סוד) אָבער מיר ווייס-ן אַז דער אָקס איז די טומאה, און די קו איז די טהרה, און דער האָן איז אַ שליח פון סמאל. (מיט א ניגון) שנים אוחזין בטלית - אַז צוויי האַלטן אַ קלייד, אָט אַזוי לערנט איר מתנ-דים. אַ געשעפט איז עס צי זיי האַלטן אַ קלייד צי ניט. (ווי א סוד) אָבער מיר מקובלים ווייסן, אַז די צוויי זיינען ניט קיין פשוטע מענטשן, נאָר די כוחות פון קדושה און פון דער סטרא אחרא, וועלכע קעמפן פאַר דער שליטה אויף דער וועלט. אסור, מותר, חייב, פטור! איר מיינט אַודאי אַז די גמרא איז אויסן צו דערציילן וועגן מילכיקע לעפל און פליישיקע טעפלעך! פע, דאָס איז אַ צו וואָכעדיקער ענין! די ווערטער פון דער תורה — זיי זיינען פאַר נאַראָנים. די אותיות, די תגין, די נקודות, די טראָפּ — אָט זיי זיינען דער גאָלדענער וועב. דער רבונו של עולם האָט אַ טרייסל געטאָן בינה, גבורה און יסוד, און באַשאַפן די הייליקע אותיות, און האָט נאָכדעם אָנגעטאָן די אותיות מיט קרוינען. מיר מקובלים ווייסן די סודות פון די אותיות, די 32 וועגן פון חכמה, און די 50 טויערן פון בינה, די געשטאַלט פון גאָט שיעור קומה און די צייט פון קץ. דעם סוד העבור. די צינורות און די כלים, דורך וועלכע גאָט באַהעפט זיך מיט די וועלטן —

ראש ישיבה: שווייג, דו עוכר ישראל! די געשטאַלט פון דער שכינה! וואָס? עבודה זרה? און דער קץ? ווער ווייס דעם קץ? איך האָב בכיון געשוויגן און געוואָלט הערן ווי טיף חסידות ליגט נאָך געזונקען. האָסט אויסגעלאַכט די תורה און די גמרא! האָסט געמאַכט צו נישט אַלע מפרשים און פוסקים. רש״י, דער רמב״ם, דער ווילנער גאון, זיי האָבן, הייסט עס, די תורה נ י ט פאַרשטאַנען, נאָר דער שבתי-צביניק, שניאור

זלמן פון לאַדי, דער חסידישער רבי, ער האָט יאָ פאַרשטאַנען. זײַ פאַרשאָלטן, דו לעסטערער פון גאָט. זאָלן פאַלן אויף דײַן קאָפּ די אַלע קללות פון דעם חרם, וואָס די ווילנער רבנים האָבן אויסגערופן אויף די חסידים אויפן זעלווער מאַרק אין יאָר תקמ"א, בײַ שוואַרצע ליכט און שופר בלאָזן. משגיח! (משגיח גייט צו) און איר, משגיח, זאָלט נאָך יום־טוב אויסמעקן זײַן נאָמען פון אונזערע ביכער, און ניט געבן אים קיין שטי־צע. (צום בריסקער) און דו, בריסקער, זאָלסט אָנזאָגן זײַן באַלע־באָסטע, אַז זי זאָל אים נאָך היינט בײַנאַכט אַרויסוואַרפן פון זײַן קוואַרטיר. (צום שמש) און איר, הירשל שאַיע, זאָלט גיין פון הויז צו הויז איבערן גאַנצן שטעטל און אָנזאָגן אַלעמען אין מײַן נאָמען, אַז מען זאָל אים איבער קיין יידישן שוועל ניט אַריבערלאָזן, אום ער זאָל אפילו זײַן קאָפּ ניט האָבן וווּ אָנצושפּאַרן אָדער זײַן הונגער און דאָרשט צו שטילן. (צו די בחורים) און איר, ישיבה בחורים, טאָרט מיט אים קיין מגע ומשא ניט האָבן. מיט זײַנע פאַרפּירערישע חסידישע רעיונות ברענגט ער צו חילול שם שמים, און איז דעריבער אין חרם. ענטפערט ניט אויף זײַן „גוט מאָרגן", גיט אים ניט קיין האַנט, און מיידט אים אויס ווי אַ מצורע. (צום ליבאַוויטשער) און דו, מוחרם ומנודה, — פון מײַן שטוב אַרויס!

רבקה: טאַטע, זײַ אים מוחל, האָב אויף אים רחמנות. ער איז דאָך אַזאַ מתמיד, אַזאַ פרומער, האָט דאָך אַזוינע פײַ־נע מדות! אמת, זײַנע ווערטער זײַנען שאַרף, אָבער זײַן כוונה איז דאָך אַ גוטע.

ראש ישיבה: וואָס, דו רעדסט שוין אויך וועגן כוונה? דו גיי לייען אָפּ קריאת שמע און לייג זיך שלאָפן.

רבקה: טאַטע, דו טאָרסט אים ניט אַוועקשיקן פון דאַן —

ראש ישיבה: וואָס איז? נעמסט שוין מיר זאָגן דעות ווי אַזוי צו פירן די ישיבה? וועסט צייט האָבן עס צו טאָן, ווען דו וועסט זײַן די ווײַב פון וואָלאָזשינער ראש ישיבה.

רבקה: טאטע, דו קענסט אים ניט אוועקשיקן — קענסט ניט אוועקשיקן מיין חתן.

ראש ישיבה: וועמען? דיין חתן? איך שיק דיין חתן ניט אוועק. דער בריסקער עילוי איז א חשובער תלמיד ביי אונז.

רבקה: אָבער דער בריסקער עילוי איז בלויז דיין איידעם, אָבער ניט מיין חתן. מיין חתן איז ער —

ראש ישיבה: ווער?

רבקה (ווייזט אויפן ליבאוויטשער): דער ליבאוויטשער.

ראש ישיבה: אַזוי, דער ליבאוויטשער, ווער איז איז געוועזן אייער שדכן?

רבקה: קיינער! איך האָב נאַכט אין נאַכט אויסגע־הערט זיין גמרא־ניגון דורך דעם פענסטער פון מיין שלאָף־צימער, וועלכער גייט אַרויס צום ישיבה־הויז. און צוזאַמען מיט זיין ניגון איז אַריין אין מיר אויך זיין נשמה.

ראש ישיבה: אַזוי גאָר? הייסט עס, אַז רבנישע טעכטער האָבן שוין אָנגעהויבן שפּילן ליבעס ווי די קינדער פון אַפּטייקערס און פעלדשערס? ביי מיר אין הויז וועט עס אָבער ניט זיין!

רבקה: טאַטע, עס וועט דיר גאָר ניט העלפן. דער ליבאַוויטשער וועט זיין מ י י ן מ א ן, און דאָ וועט זיין זיין היים.

ראש ישיבה: וואָס האָט איר זיך עס אָנגעזעצט אויף מיר היינטיקע נאַכט? אַ שיינע שמחת תורה פּראַוועט איר דאָ. יענער עוכר ישראל האָט געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט אונזער הייליקע הלכה, און דו, מיין איינציקע טאָכטער, מיין בת־יחידה, וועלכע דאַרף פאָרטזעצן די גאָלדענע קייט פון וואָלאָזשינער רבנישער דינאַסטיע, די קעניגלעכע הויז פון יידן אין גלות — ווילסט גאָר ווערן דאָס ווייב פון אַ ליבאַוויטשער חסיד און אויפשטעלן אַ דור פון חסידים עמי־הארצים, וועלכע לאַכן אָפּ פון אונזער הייליקן „שור שנגח את הפּרה“?

רבקה: טאטע, מיר אַרט ניט וואָס ער זאָגט און וואָס ער טוט – איך האָב אים ליב, אים אַליין, אָן זיין „שור שנגח את הפרה" און אָן זיין חסידות –

ראש ישיבה: ליב? אַז אַך און וויי איז מיר! ווי קומט אַזאַ טריפהנע זאַך ווי „ליבע" אין אַ יידיש הויז, און נאָך אין הויז פון וואָלאָזשינער ראש ישיבה? ליבע! כאַ, כאַ, כאַ! איך וועל דיר שוין ווייזן „ליבע". אַרויס פון דאַן!

רעבעצן (לויפט אַריין): וואָס איז? וואָס האָט דאָ גע-טראָפן, וואָס האָט דאָ פּאַסירט?

רבקה: מאַמענקע טייערע, דער טאַטע טרייבט אַרויס פון אונזער הויז, פון ישיבה, פון שטעטל, דעם ליבאַוויטשער מקובל. דער ליבאַוויטשער וועט אַוועק פון דאַן, וועט אַריינ-קריכן נאָך טיפער אין קבלה און וועט חלילה פאַרברענט ווערן פון אַ הייליק פייער – ראַטעווע אים – לאָז ניט –

רעבעצן: ווער, וואָס, ווען –

רבקה: דער ליבאַוויטשער איז מיין חתן – איך האָב אים ליב –

ראש ישיבה: אַרויס, האָב איך דיר געזאָגט! איך קען דעם טריפהנעם וואָרט „ליבע" מער ניט הערן.

רבקה: איך וועל אַרויס – אָבער ניט נאָר פון אָט-דעם זאַל, נאָר אויך פון אייער גאַנץ הויז — איך וועל אים נאָכ-לויפן – איך וועל גיין מיט אים וווּ ער וועט גיין — איך וויל אים באַשיצן פון זיין קבלה — איך דאַרף אים האָבן פאַר זיך.

רעבעצן: גאָט איז מיט דיר, וואָס רעדסטו אַזעלכע רייד! זאָל ער גיין געזונטערהייט — דער טאַטע ווייסט וואָס ער טוט.

ראש ישיבה: שלעפּט זי אַרויס פון דאַנעט, די חצופה. שלעפּט זי אַרויס און בינדט זי צו מיט שטריק צו איר בעט.

(שמש און ישיבה-בחורים נעמען זי שלעפּן)

רבקה: טאַטע, דיינע שטריק וועלן מיר ניט צוריק־האַלטן... אפילו קייטן אייזערנע וועלן ניט העלפן. מיין ליבע צו אים וועט זיי צורייסן. איך וועל דאָ, אָן אים, מער שוין ניט פאַרבלייבן. שיקסטו אים אַוועק — פאַרלירסטו מיך אויך — טאַטע, מאַמע — (זי מערט אַוועקגעטראָגן. אירע געשרייען דערגייען פון דערווייטן).

ראש־ישיבה: אַזוי, אַזוי... אַט מיט דעם באַשעפ־טיקן זיך עס די חסידים מקובלים! פאַרדרייען יידישע טעכטער די קעפּ און רעדן אויג אויף אויג מיט דער שכינה, כביכול. האָט מען, הייסט עס, דיך געשיקט פון ליבאַוויטש, אַז פון לי־באַוויטש, אַוועקצורייסן פון מיר מיין בת יחידה, דעם לעצטן צווייגעלע פון עץ חיים, כדי עס זאָל אָפּגעהאַקט ווערן אויף אַלע מאָל דער שטאַם פון וואָלאָזשין! ניין, אייער פאַרשאָל־טענע כת וועט עס ניט דערלעבן! לאַנג נאָך דעם ווי פון די לאַדיער פאַלשע רביים וועט קיין שפּור ניט בלייבן, וועט נאָך פלאַטערן הויך די פאָן פון ווילנער גאון אין וואָלאָזשין. אַרויס, דו מוחרם ומנודה! פון מיין הויז אַרויס, און טראָג מיט זיך אַלע ביטערע קללות פון דער תוכחה.

מקובל: רבי, אייער כעס איז ווירקלעך גרויס. איין גאָט ווייס, אַז איך בין אומשולדיק. איך האָב ניט געמאַכט די קלענסטע אָנשטרענגונג צו געווינען אייער טאָכטער. איך וויל זי ניט האָבן. זי איז צו שיין פאַר מיר. זי וועט מיר שטערן אין מיין מלחמה מיטן יצר הרע, מיט די כחות פון אַט־דער וועלט. טאָמער וועט זי, חס ושלום, קומען צו מיר, וועל איך זי פאַרטרייבן פון זיך. זי טויג פאַר מיר ניט. זי האָט צו פיל פרויען־רייץ און פרויען־צויבער. און איך בין אויך ניט פאַר איר דער פּאַסיקער חתן: איך געהער צו ווייטע וועלטן. זאָל זי נעמען אייער בעסטן „שור שנגח את הפרה״ פאַר אַ חתן. איך בין אַ חתן פון דער שכינה. איר טרייבט מיך אַרויס פון אייער ישיבה, ווייל אייער מתנגדישע פינסטערע נשמה קען ניט פאַרטראָגן די ליכט פון ליבאַווי־טשער תניא. איר האַסט מיך, אָבער איך האַס אייך מער. און

אייער חרם (גיט אַ קנאַק מיט די פינגער) אַט דאָס האָט ער בײַ מיר די ווערט. אַ חרם, אַ טרוקענער מתנגד לייגט אַרײַן אין חרם, כע, כע, כע. וואָס ווייסט איר, מתנגדים, פון קללות. שעלטן קענען מיר, חסידים, און אונזער אַ קללה טרעפט ווי אַ דונער. איך שילט אייך. (מאָדנע ליכטער נעמען באַלייכטן די בינע) איך פאַרשילט די, וועלכע האָבן גאָטס תורה פאַרביליקט אין איבערגעשפּיצטע פּשטלעך, אין פאַרטשאַדעטן פּלפּול. איך פאַרשילט די, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט אונזער תורה אין אַ גימנאַסטיק פאַרן מח, אַנשטאָט אַ באַלזאַם פאַרן האַרצן. איך גיי אַוועק פון אייך, ווייל מיר איז דאָ צו קאַלט. איך גיי אַוועק ווייט־ווייט, אַזש קיין ארץ־ישראל, ביז דער הייליקער שטאָט צפת וועל איך דערשפּרייזן. און איך וועל אויפזוכן די מערות ווו דער אר״י הקדוש פלעגט זיך מתבודד זיין מיט די נשמות פון די פאַרשטאָרבענע תנאים, זכרונם לברכה, און שאַפן ווונדער דורך הייליקע שפּרוכן. מיט מיר וועלן דאָרטן אַרבעטן אי די כחות פון קדושה, אי די כחות פון טומאה, ווייל סיי סטרא דא און סיי סטרא אחרא קומען פון דעם רבונו של עולם און צו אים וועלן זיי זיך צוריקקערן דורך שבירת הכלים. איך וועל גיין און גיין אַלץ נענטער צום אור הגנוז, צו דער באַהאַלטענער ליכט, וועלכע וועט מיר באַלייכטן די סודותדיקע וועלטן. (צום עולם) ווער וועט גיין מיט מיר מקבל זיין די שכינה? ווער וויל איבערלאָזן די טרוקענע שטרוי פון מתנגדישער תורה און גיין זיך פיטערן אויף די גרינע לאָנקעס און שמעקעדיקע גערטנער פון קבלה? בנאות דשא ירביצני. ווער וויל ווערן מיין שותף אין מיינע תפילות, סיגופים און צירופים, אַראָפּצוברענגען אויף דער וועלט די קעניגרייך פון אל שדי?

שוואַרצער פרוש (שטעלט זיך אַוועק): איך.

(זיי נעמען ביידע גיין צום טיר. ווי נאָר דער מקובל רירט אָן די מזוזה, גיט פון איר אַ בליץ אַן אויסטערלישער פלאַם. אַלע פייערן אויף דער סצענע לעשן זיך אויס).

(פאָרהאַנג פאַלט)

צווייטער אקט

צייט: 1918

פלאַץ: נעבן צפת, ארץ ישראל.

(ביינאַכט אין אַן אַלטער שולכל נעבן צפת, געבויט מאַסיוו פון גרויסע שטיינער. דיקע ווענט, און קליינע פאַרגראַטעטע פענסטערלעך. שטאַרקע בויגנס ווי אין אַ קעלער. רעכטס — אַ שווערע טיר, געשמידט אין אייזן. אַ כיור פון פאַרגרינטן קופּער, אַ האַנטוך. אנט־קעגן צושויער — צווי קיילעכדיקע פאַרגראַטעטע פענס־טערלעך, נעבן סופים. צווישן זיי אַ ליסטע פון נפטרים־נעמען אין אַ ראַם. נעבן וואַנט — אַ ספרים־שראַנק. לינקס — ארון קודש. איבער אים — אַ צאַנקענדער נר־תמיד. נעבן ארון־קודש — אַ הינקעדיקער עמוד, איינגעבויגן אויף רעכטס. אויף אים — קוים ברענענדע וואַקסענע ליכט. דער עמוד איז געשניצט מיט אַלטע קאַבאַליסטישע סימבאָלן. פון ביידע זייטן עמוד — אויסגעשניצטע הענט פון דוכנדיקע כהנים. אין מיטן שול — אַ שולחן, צוגעדעקט מיט אַ מין כפּורת און אָנגעוואָרפן מיט טליתים. פון אויבן הענגט אַראָפּ אַן אַלטמאָדישער לייכטער. דאָ און דאָרט איינפאַכע הילצערנע בענק. אַ פּאָר צובראָכענע שטענדערס. פאַר־וואָרפן צדקה־פּושקע אויף דער וואַנט נעבן טיר.)

װען דער פֿאָרהאַנג הייבט זיך אויף, איז די בינע איינגעהילט אין האַלב-פֿינסטערניש און אין טויט-שטילקייט. קיין סימן פֿון עמיצנס זיין. אַזוי האַלט עס אָן אַ פּאָר מינוט. באַלד אָבער נעמט זיך עפּעס רירן אין אַ װינקל אויף דער ערד, און עס פּלאָנטערט זיך אויס די געשטאַלט פֿון אַ מענטשן.)

*

חלוץ: (זעצט זיך אַװעק. נעמט זיך אויסטשוכענען פֿון שלאָף. רייבט די אויגן, גלייכט אויס די גלידער און גיט אַ געניץ אויפֿן קול. אַ משונהדיקער װידער-קול ענטפֿערט אים אַזוי װי מיט שפּאָט. ער װערט איבערראַשט אַ װיילע, אָבער באַשליסט, קענטיק, אַז עס האָט זיך אים בלויז געדוכט. ער גייט און ברענגט פֿון ערגיץ אַ װינקל זיין קערבל, פֿון װעלכער ער נעמט אַרויס אַ פּיטע און מאַסלינעס. גיט דערװייל נאָך אַ געניץ אויפֿן קול. אַ װידערקול ענטפֿערט אים נאָך משונהדיקער. פֿון שרעק פֿאַלט אים אַלץ אַרויס פֿון זיינע הענט. האָט מורא אַ קוק צו טאָן אויף הינטער. נעמט פּאַמעלעך און מיט שרעק אויסדרייען זיין געזיכט צום פּלאַץ פֿון װאַנען דער מיסטעריעזער װידער-קול איז געקומען. װען ער פֿאַרבויגט דעם קאָפּ היפּשלעך אָן אַ זייט, דערזעט ער מיטאַמאָל עפּעס אַ װייסעס, אַ צאַפּלדיקעס. ער גיט אַ קרעכץ פֿון שרעק. אַן אימה באַהערשט אים. באַלד אָבער נעמט ער זיך אָן מיט מוט און באַשליסט צו באַקעמפֿן זיין װייסע שרעק. ער זוכט אַ װאָפֿן און קלייבט פֿאַר דעם אויס אַ שטענדער, װעלכן ער נעמט אָן מיט ביידע הענט און גייט אין דער װענדונג פֿון װייסן אָב עקט. װען ער גייט צו נאָענט, באַמערקט ער, אַז עס איז אַ װייסער האַנטוך. פֿריער װישט ער מיט אים אָפּ דעם שרעק-שװייס פֿון זיין שטערן, אָבער נאָכדעם צולאַכט ער זיך שטאַרק פֿון זיין פֿאַלשן פּחד. אַזוי לאַכט ער און לאַכט ביז װאַנען עמיצער לאַכט אים נאָך, און דאַן װערט ער אַנטשװיגן. ער נעמט גיין אויף צוריק, מורא האָבנדיק צו קוקן אויף הינטער, און פֿאַרטשעפּעט זיך אין זיינע אייגענע פֿיס. ער קומט צוריק צו זיין קערבל, זעצט זיך אַװעק, באַרואיקט זיך, און נעמט װידער קייען זיין פּיטע און מאַסלינעס. נעמט באַלד זוכן עפּעס מיט גרויס צוטראַגנקייט אין קערבל און אין די קעשענעס. אַן אַפּעלסין פֿאַלט אַרויס מיט אַ טראַסק. דערשרעקט זיך פֿאַרן קלאַפּ. הייבט אויף

אַפּעלסין און שטעלט זיך אַוועק מיט זיין רוקן צום עמוד איִם אָפּצושיילן דאַן נעמען זיך די הילצערנע הענט פון די „כהנים" אַראָפּלאָזן אויף אים, דערגרייכן זיינע פּלייצעס און שטופּן זיי אַראָפּ אַזוי, אַז דער חלוץ לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד. ער בלייבט זיצן ווי אַ געפּלעפטער. די „הענט" הויבן זיך צוריק צו זייער פּלאַץ. ער נעמט אין ציטערניש זיך אָפּרוקן, אויף אַלע פיר, פון זיין פּלאַץ, אַזוי ווי מ'לויפט אַוועק פון די נעגל פון אַ בייזער חיה. און דאַן הויבט ער אויף זיין געזיכט, און זעענדיק אַז קיינער שטייט ניט איבער אים, שטעלט ער זיך אַוועק זיכער און גיט אַ שפּיי מיט כעס. אַ ספר גיט פון ערגעץ אַ פאַל, און ער גיט זיך אַ טרייסל).

חלוץ: צום טייוול! (די דריי ליכט אויפן עמוד ווערן גלייך אויסגעלאָשן.) איר וועט מיר משוגע ניט מאַכן. ניט ביי יאָסקען. איך בין ניט פון יענע משוגעים וועלכע גלויבן אין שדים. (נר תמיד לעשט זיך אויס. נעמט שוועבעלעך און גייט אָנצינדן די אויסגעלאָשענע ליכט).

כ'מיין, כ'בין דאָס ניט אויסן געווען צו זאָגן. (צינדט זיי אָן).

נו, אַריינגעפאַלן, בראַטאַק! זיי ניט צוטראָגן, דער טיי — — — (ליבט=פלאַמען נעמען זיך טרייסלען ווי צום אויסלעשן) דער טיי — טייך וועט דיר ניט נעמען. (זעצט זיך אַוועק אויף די טרעפּלעך פון ארון קודש, אַן אויסגעמאַטערטער, נעמט אַראָפּ זיין היטל זיך אָפּצווישן דעם שווייס פון שטערן. די קייטל פון נר תמיד ציט זיך אויס און דער נר תמיד לאָזט זיך אַראָפּ. גיט אים אַ קלאַפּ אין קאָפּ און ציט זיך שנעל צוריק אַרויף. ער שפּרינגט אָפּ מיט שרעק פון זיין פּלאַץ. טוט זיך אָן זיין היטל).

נו, נו, כ'האָב מורא אַז איך בין שוין גאָר אַראָפּ פון זינען! (שטעלט זיך אַוועק נעבן שולחן. עס הערט זיך אַ וויוגע=יאָמער. מען גיט אַ קלאַפּ אין טיר. ער מאַכט זיך ניט הערנדיק. מען קלאַפּט ווייטער. ער ער לאָזט זיך אַראָפּ געבן שולחן אַזוי ווי זוכנדיק שוץ. מען קלאַפּט ווייטער און ווייטער. ער זאָגט פון זיין פּלאַץ):

מי שם? מאַן הונאַק? קטאָ טאַם? (מען ענטפערט ניט, נאָר מען קלאַפּט ווייטער. ער גייט צו פאַרזיכטיק צו דער טיר, נעמט אָן דאָס הענטל און זאָגט):

בבקשה לבוא, אדוני! (קיין ענטפער). מן פאדלאק יא סידי! (קיין ענטפער). פאמיליטיע, גאספאדין! (קיין ענטפער. ער פרווט דאן אליין עפענען פון אינווייניק. עס עפנט זיך ניט).

אהא, פארקנאקט! מיר וועלן שוין זען! (נעמט האנטוך, בינדט אן אין קלאמקע, שפייט איין זיינע הענט, ציט מיט אלע כוחות. די טיר רירט זיך ניט פון ארט.

פארטראסקעט! (שלעפט ווייטער. גיט אויף. ווען ער קערט זיך אום מיטן געזיכט צום עולם, עפנט זיך די טיר לאנגזאם אויף און פארמאכט זיך מיט א קנאק. ער קערט אום זיין געזיכט, די טיר איז צו. פרווט ווידער שלעפן, עס גייט ניט).

צום טייל — — — צום טייל ... ערער עסק, ווי איך לעב. וועלכע אנשיקעניש האט מיר דא געשיקט? (נעמט אראפ האנטוך. הענגט אים אויף צוריק. פולעט אפ זיינע הענט איינער אן דער צווייטער).

כ'ווייס, וואס דארף איך עפענען די טיר? אז איך וויל עס גאר ניט. געהערט א געשיכטע? זיך מוסר נפש זיין! צו וואס? (זעצט זיך אוועק אין מיטן בינע, נעבן די בינע-לעמפ-לעך. נעמט ארויס אן אקארינע און נעמט פייפן. די בינע ווערט באנאסן מיט א קאלט גרין אומהיימלעך ליכט. ווען דאס שפילן ווערט התלהבותדיק, נעמט זיך דער „טל-ומטר"-טאנץ אויפן האנט טרייכלען. די הילצערנע כהנים-הענט פון עמוד פארבויגן זיך אויף הינטער און קערן זיך אום מיט א קנאקן און שארבן. דער קנאכן שפילט אויפן שארבן ווי א סמיטשיק אויף א פידל. אן אומהיימלעכע מעלאדיע נעמט באגלייטן די אקארינע. דער שולחן ווערט אוועקגעשטופט צום וואנט. ער עפנט זיך אויף מיט א סקריפען, און עס נעמען ארויסגיין ווייס-געקליידטע פיגורן, מיט קאלך-ווייסע געזיכ-טער ווי מאסקעס, אן אויסדרוק. זייערע אלע באוועגונגען זענען ריטמיש, א מין טאנץ. אין מיטן דער גרופע דערזעט מען פלוצים א בעטל, און אויפן בעטל א גוסס, וועלכער ווארפט זיך און מאטערט זיך. עס טאנצן ארייין פאלקס-רופאים, פארדעדער, מכשפים. רויכערן קרייטיכער, מאכן סימנים אין דער לופטן. לייגן ארויף אויף אים פערדישע פאדקאוועס, האזן-פיס-לעך א. א. וו. עס העלפט ניט. ער ווארפט זיך ווייטער אין יסורים. פאר-

טרייבט זיי, עס טאַנצן אַריין דאָקטוירים-גייסטער, מיט כעמישע פלעשלעך, מיט טערמאָמעטערס און סטעטאָסקאָפּן. גיבן פּילן און געטראַנקען, עס העלפט ניט. ער פאַרטרייבט זיי. עס טאַנצן אַריין תהלים-זאָגער, מיט תהלימלעך אין די הענט. זייערע תפילות העלפן אויך ניט. ער גיט זיך אַ פּאָר שליידער און פאַלט אין אונמאַכט פון טויט. ער ווערט גלייך באַדעקט מיט אַ שוואַרצער טוך. צוויי ליכט ווערן אָנגעצונדן צוקאָפּנס. מספּידים און קלעגערינס קומען און באַווייגען אים, מיט באַוועגונגען. אַ לוויה-מאַרש הויבט זיך אָן. מען ברענגט אים אויפן בית-הקברות. מען גראָבט אַ קבר, מען לאָזט אים אַראָפּ. מוזיק ווערט שוואַכער. גייסטער נעמען פאַרשווינדן. דער שולחן ווערט צוריק צוגערוקט. דער חלוץ הערט אויף פּייפן, אָבער הערט אַז עמיץ שפּילט נאָך ווייטער. קוקט זיך אַרום און דערזעט דעם שפּילן פון די כהנים-הענט. די אָקאַרינע פאַלט אַרויס פון זיינע הענט, און אין גרויס גרויל גייט ער הינטערוויילעכס צוריק צום פּלאַץ וו ער איז געלעגן ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, און ער פאַלט אַנידער ווי אין חלשות. אַ רעגן-שטורעם בושעוועט פון דרויסן.)

לעגיאָנער: (לאָזט זיך אַריין מיט אַ ביקס און רעגנמאַנטל. ווען ער וויקלט אָפּ דעם רעגנמאַנטל, באַווייזט זיך אונטער אים אַ מיידל.)
געזען אַ רעגן! אַן אמתע פאַרפלייצונג! מיינע חברים לעגיאָנערן אין סאַראַפּענדער קעמפּ מוזן שוין אַרומשווימען ווי פיש, אָלרייט!

רבקה: אין די געצעלטן?

לעגיאָנער: יע, אין די טענטס. גוד באַי טענטס אין אַזאַ וועטער! זיי פליען אַוועק ווי פעדערן, ווי די הייזלעך פון מיסיסיפּי. אין גוטע יאָרן שטייען זיי אויף הינערשע פיסלעך.

רבקה: ווי קומט איר עס אין אונזערע מקומות?

לעגיאָנער: אין אייערע מקומות? דאָס האָבן דאָך מיר מיט אָט-די ביקסן פאַר אייך אַרויסגעקראָגן פון טוירק.

רבקה: יע, איך ווייס אַז די אַמעריקאַנער לעגיאָנערן זיינען גרויסע גיבורים.

לעגיאָנער: פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער?

ר ב ק ה: ווייל איר זאָגט: אָלרייט.

ל ע ג י אָ נ ע ר: טאָמער בין איך גאָר אַ לאָנדאָנער? אַ מאַנטשעסטערער?

ר ב ק ה: דאַן וואָלט איר שוין 20 מאָל געזאָגט „בלאָדי". זאָגט מיר נאָך אַמאָל, ווי קומט איר דאָ אַרום צפת? אייער קעמפּ איז דאָך נעבן ראשון-לציון?

ל ע ג י אָ נ ע ר: פאַרשטייט איר מיך? מען האָט מיר געשיקט מיט אַ פּריזאָנערס עסקאָרט קיין חיפה. אַזוי ווי אָבער איך האָב נאָך דעם גליל ניט געזען, האָב איך באַשלאָסן צו נעמען אַ פּראַנצעזישן „ליוו" און זיך אַ לאָז טאָן צווישן די גליל-בערג אויף מיינע צוויי הינט.

ר ב ק ה: וועלכע הינט? וווּ זיינען זיי?

ל ע ג י אָ נ ע ר: כאַ, כאַ, כאַ (ווייזט אויף זיינע שיך) ביי אונז אין אַמעריקע רופט מען די פיס הינט. און ווען די שיך ווערן צעריסן — בילן זיי. נו, בין איך ביז סעמאַק געפאָרן מיטן טרעין, און פון דאָרטן האָב איך געכאַפּט אַ וואָק.

ר ב ק ה: וועמען האָט איר געכאַפּט?

ל ע ג י אָ נ ע ר: אַ וואָק! כ'מיין איך בין געגאַנגען אויף מיינע הינט דורך כנרת, פוריה, און סעדזשערא און געוואָלט קומען נאָך היינט אין צפת, און מיט אַמאָל — אַזאַ שלאַק-רעגן, אַז איך האָב אינגאַנצן מיין וועג פאַרלוירן. האָב איך אָבער געזען פון ווייטן אַ מין גרינע, קאַלטע ליכט, אַ מאָדנע ליכט, וועלכע הויבט זיך אויף ווי אַ רויך.

ר ב ק ה: און איך האָב עס אויך דערזען. איך בין אַ לערערין אין אַ קבוצה און דאַרף היינט ביינאַכט זיין אויף אַן אסיפה פון לערער אין טבריה, און איך האָב דערום געשפּרייזט אַליין, טראָץ אַלע וואָרנונגען. ווען דער רעגן האָט אויסגעבראָכן, האָב איך פּשוט ניט געקענט אויסבאַהאַלטן זיך. נאָר דאָס ליכט, וועגן וועלכער איר האָט נאָר וואָס גערעדט, האָט זיך מיר אויך באַוויזן. איך האָב אָבער דאָך זיך ניט געאיילט גיין, און ווען איך טרעף אייך ניט, וואָלט איך בעסער געבליבן אויף

די בערג און אויסגעווייקט געוואָרן פון וואַסער, איידער אַריינ־גיין אין דער חורבה.

לעגיאָנער: חורבה?

רבקה: וואָס דען מיינט איר איז עס, אַ וואָדעוויל? דאָס איז איינע פון די פּאַרלאָזענע, פּאַרוויסטע שולכלעך, וועלכע איינזאַמע מענטשן מיידן אויס.

לעגיאָנער: איר מיינט צו זאָגן, אַז מיר זיינען אַריין אין אַ האָנטעד האַוז?

רבקה: וואָס מיינט איר?

לעגיאָנער: איך מיין אַ הויז פון ספּיריטס, נו, ניט־גוטע.

רבקה: יע, כמעט.

לעגיאָנער: און יונגע מענטשן גלויבן אין אַזעלכע נאַרישקייטן?

רבקה: יע — און — ניין. פאַרשטייט איר מיך, מען זאָגט, אַז ערגעץ ווו אין דער געגנט וווינען ווילדע נזירים, וועלכע פאַרברענגען זייערע טעג און נעכט אין תפילות און קבלה און האָבן פיינט פרעמדע מענטשן פון דער פּשוטער זינדיקער וועלט. מען זאָגט אפילו, אַז אייניקע מענטשן, וועל־כע מען האָט דאָ געזען אַריינגיין, האָבן זיך שוין קיינמאָל ניט באַוויזן אויף דער ליכטיקער וועלט.

לעגיאָנער: כאַ, כאַ, כאַ. ביי אייך אין פּאַלעסטיין גלויבט מען אין אַלע נאַרישקייטן. אָבער ניט ביי אונז אין אַמעריקע. איר זעט מיין ראַיפל? (נעמט אַן זיין ביקס) מיט אים האָב איך פאַר קיינעם קיין מורא ניט. מיינע אַ קויל לעכערט דורך די שטאַרקסטע האַרץ. נאָר איר זעט דאָך, אַז עס איז אַ ליגן. קיינער איז דאָ ניטאָ. מיר זיינען אַליין.

חלוץ (פון באַהעלטעניש): אַליין? (באַווייזט זיך) איר זייט שוין ניט אַליין, רעביאַטאַ, און וואָס בין איך ביי אייך, אַ שאָטן?

רבקה (וואַרפט זיך צום לעגיאָנער נאָך שוץ): זעט נאָר.

לעגיאָנער (כאַפּט זיך צום ביקס): גאָד דעמיט! הו אַר יו?

חלוץ: שאַ, חבר לעגיאָנער, באַרואיקט אייך. וואָס בין איך ביי אייך, אַ טערק? איך בין טאַקע אַריינגעפאַלן צוזאַמען מיט אייך אין איין גרוב, צווישן די זעלבע רוחות.

לעגיאָנער: וועלכע רוחות? אַ רוח אין דיין טאַטן אַריין!

חלוץ: שאַ, שטיל, זיי, (ווייזט אויף אַ פינסטערן ווינקל) זיי ווילן ניט, אַז מען זאָל זיי דערמאָנען ביים נאָמען, אַז ניט לעשן זיי די ליכט.

לעגיאָנער: ווער?

חלוץ: זיי, אָט זיי (ווייזט מיט ציטערניש אויף ערגיץ).

רבקה (צום לעגיאָנער, לייגט אַרויף איר פינגער אויף איר שלייף): מאָפּי מוח.

חלוץ: איך בין שוין גאָר ניט משוגע. משוגע זייט איר ביידע. זעט איר, הונגעריק בין איך טאַקע. אפשר האָט איר פאַר מיר אַ קיי? איך וועל אייך באַלד דערציילן אַ מעשה, אַז עס וועלן אייך די האָר זיך שטעלן קאַפּויער. כ'שטאַרב אָבער פאַר אַ ביסן.

לעגיאָנער (זעצט זיך אַוועק, נעמט אַרויס פון זיין רענצל אַ קעסטל מיט קאָנסערווירטן פלייש): אָן איידעם אויף קעסט. נאַ דיר אַ פאָרציע אויפן חשבון פון קינג דזשאָרדזש. די בהמה איז געקוילעט געוואָרן מיט אַ טעמפּן מעסער, מיט 100 יאָר צוריק, אָבער איר פלייש וועסטו קענען פאַרדייען, אויב דו ביזט געוווינט צו שלינגען טשוועקעס. האָסטו מיט וואָס צו עפענען די בלעכל?

חלוץ: איך? איך האָב גאָרניט, אויסער הונגער און חוצפה.

לעגיאָנער: אַ סאָלדאַט גיט זיך אַן עצה (נעמט אַראָפּ זיעם באַ־אָנעט פון ביקס און עפנט מיט אים אויף די בלעכל). נאַ, אָט האָסטו עס אָפן.

חלוץ: נו, און אַ שטיקל ברויט?

לעגיאָנער: געזען אַ נאַשער? אַלץ וויל ער (נעמט ארויס אַ שטיקל ברויט פון אונטערן היטל און גיט אים): נאַ דיר ברויט, אָבער דערוועג זיך ניט.

רבקה (זעענדיק ווי דער חלוץ עסט): כ'האָב מורא, אַז ער וועט איינשלינגען די בלעכל.

חלוץ: קאַקאַיאַ ראַזניצאַ. אונזער לעבן איז סיי ווי סיי גאָר ניט ווערט. מיר זיינען אַריינגעפאַלן, רעביאַטאַ.

לעגיאָנער: נו, דערציילזשע, וואָס אַזוינס האָט דאָ געטראָפן מיט דיר?

חלוץ: איך בין, פאַרשטייט איר מיך, פאַרבייגעגאַנגען די הייזקע אַרום פאַרנאַכט. עס איז נאָך געווען ליכטיקלעך. מיד בין איך געווען, טראַכט איך: נאָמיך דאָ אַריינגיין זיך אָפּרוען. קלאַפּ איך אָן אין טיר. קיינער ענטפערט ניט. בין איך אָבער צו דעם געוווינט. וועלכע קאָלאָניסטישע הויז עפנט דען אין ארץ-ישראל די טיר פאַר אַ יידישן אַרבעטער? גיי איך אַריין ניט-געבעטענערהייט. זאָגן אייך דעם אמת — מיר איז דער פּלאַץ עפּעס גלייך ניט געפעלן געוואָרן. ווייל ווען איך האָב אַזוי אָן עפן געטאָן די טיר, האָבן זיך די טירלעך פון ארון-קודש אַ פאַרמאַך געטאָן, ווי אַ גרויסער ווינט וואָלט אויף זיי אַ וועיע געטאָן. נאָר אַזוי ווי כ'האָב שוין קיין כח ניט געהאַט צו שטיין אויף מיינע פיס, האָב איך קיין גרויסע פריגאָטאָוולעניעס ניט געמאַכט און זיך אַ לייג געטאָן דאָרטן אין ווינקל. ווי נאָר מיינע פיס האָבן דערפילט די פּאָדלאָגע, אַזוי האָבן זיך מיינע אויגן פאַרמאַכט און איך בין אַריינגעפאַלן אין אַזאַ שווערן שלאָף, אַזוי ווי עמעצער וואָלט מיר כלאָראָפאָרם געגעבן שמעקן.

רבקה: נו, און איר זייט טאַקע ביז איצט געשלאָפן?

חלוץ: געשלאָפן? צווישן ווילדע שדים שלאָפן? ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און געגעבן אַ געניץ, אַזוי האָט מיר עמיצער נאָכגעגעניצט.

לעגיאָנער: עמיצער? ווער איז ער? ווו איז ער?

חלוץ: ווער עס איז, ווייס איך ניט, נאָר ווו ער איז, ווייס איך יע.

לעגיאָנער און רבקה: ווו?

חלוץ (ווייזט אָן מיט אַ ציטערדיקער האַנט): אָט אָ דאָ.

לעגיאָנער: ווו דאָ?

חלוץ: וואָס? ווילסט זיך טאַקע מיט אים נאָענט באַקאַנען? איך — ניט. און הלוואי וואָלט ער מיר ניט געוואָלט קענען, ווי איך וואָלט גאַנץ גליקלעך געווען. (שטילער) דאָס איז מסתּמא געווען איינער פון די ניט־גוטע.

לעגיאָנער: כאַ, כאַ, כאַ! ביי אונז אין ניו־יאָרק, ווען ניט־גוטע נעמען זיך באַווייזן אין אַ פוסטער הויז, ווייסט מען, אַז דאָרט איז אַ נעסט פון גנבים.

חלוץ: יע, יע, ביי אונז אין אָדעס איז אויך אַזוי. איך בין אויך געווען אַזאַ חכם. איך האָב זיך אויך פונאַנדערגעלאַכט. אָבער (שטילער) עמיצער האָט מיר נאָכגעלאַכט.

רבקה: עמיצער?

חלוץ: יע, עמיצער. דער זעלבער, אָדער אַן אַנדער עמיצער. איך האָב אָבער ניט געוואָלט צוגעבן און האָב זיך אוועקגעזעצט שפּילן אויף מיין אָקאַרינע אַ פריילעכס, צו פאַרטרייבן מיינע שרעקן, מיט אַמאָל דערזע איך הענט.

רבקה: הענט? וועמענס הענט?

חלוץ (ווייזט אויף די הילצערנע עמוד־הענט): אָט די הענט.

לעגיאָנער: וואָס? דערשראָקן זיך פאַר הילצערנע הענט? ביזט, ווי עס ווייזט אויס, אויסגעוועפּט.

חלוץ: אויסגעוועפּט — כ׳וואָלט געוואָלט זען וואָס פאַר אַ ווירטאָזשעניעס דיין פּנים וואָלט געמאַכט, ווען דו וואָלסט דערזען אָט־די הילצערנע הענט שפּילנדיק.

לעגיאָנער און רבקה: שפּילנדיק?

חלוץ: יע, שפּילנדיק אַ ניגון, און טאַקע ניט מיט אַ פידל און אַ סמיטשיק, נאָר מיט אַ ביינערנעם קנאָכן אויף אַ ביינערנעם שאַרבן.

ל ע ג י אָ נ ע ר (לויפט צו צו די חענט און נעמט זיי אָן):
וואָס, אָט די הילצערנע הענט?

ח ל ו ץ: ווי דען, מיינע? כאַפּ זיך נאָר ניט צו צו זיי. זיי קאָנען דיר נאָך געבן אַזאַ פּאַטש, אַז עס וועט דיר ליכטיק ווערן אין די אויגן.

ל ע ג י אָ נ ע ר: אַך, דו רעדסט פון שלאָף!

ח ל ו ץ: הלוואי וואָלט אַלץ געווען אַ חלום. כ'וואָלט אַפילו מיין לעכערדיקע העמד אַוועקגעשאָנקען אום עס זאָל זיין אַ חלום. איך מוז אייך זאָגן דעם אמת: מיט אייך איז מיר אַביסל פריילעכער. זאָט בין איך. אַ חלוץ בין איך. צאַר ניקאָליי ליגט אין דער ערד. וואָס פעלט מיר דען איצט? אַ טענצל?

ל ע ג י אָ נ ע ר: אָט אַזוי רעד — אַ טענצל. נו (הייבן אָנהויבן טאַנצן).

ר ב ק ה: שאַ, זייט רואיק, איך בעט אייך. מיר איז אַזוי אומעטיק דאָ. אַזאַ שרעק איז מיר באַפאַלן. איך האָב נאָך אין מיין קינדהייט געהערט פון אַזוינע פאַלן פון ניט-גוטע. איך קום פון וואָלאָזשין. מיין פאָטער איז דער רב און ראש ישיבה פון דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה. און דאָרטן האָט געלערנט איינער אַ בחור, אַ ליבאַוויטשער, האָט מען אים גערופן דער מקובל, ווייל ער פלעגט גאַנצענע נעכט לערנען סודותדיקע ספרים וועגן גאָט, מלאכים, ניט-גוטע, גלגולים א. א. וו. ער האָט מיר געזאָגט, אַז גאָט האָט 72 נע-מען. 52 פון זיי ווייסט ער שוין, און ווען ער וועט וויסן די איבעריקע 20, וועט ער ווערן משיח.

ל ע ג י אָ נ ע ר: נו, וואָס איז פון אים געוואָרן?

ר ב ק ה: כ'ווייס ניט – כ'וואָלט אַליין אויך געוואָלט וויסן — איינמאָל, שמחת תורה, האָט ער זיך צוקריגט מיט מיין טאַטן, געזאָגט, אַז חסידות איז בעסער פון מתנגדות. נו, מיין טאַטע, אַ פאַרברענטער מתנגד, האָט אים אַרויסגעטריבן מיט גרויס שאַנדע פון ישיבה.

ל ע ג י אָ נ ע ר: ווו איז ער איצט?

רבקה: ער האָט געזאָגט, אַז ער גייט אין ארץ ישראל, אין צפת, וווּ ער וועט זיך אויסבאַהאַלטן ערגעץ און לייטערן די נשמות פון זינדיקע מענטשן, כּדי זיי זאָלן גיכער קענען קומען צו גאָט און ברענגען דעם קץ אויף דער וועלט — איך האָב געפרעגט אין צפת אין אַלע שולן — זיי ווייסן ניט פון אים.

לעגיאָנער: וואָס? איז ער אייערער אַ קרוב?

רבקה: נאָך וואָס פאַר אַ קרוב — ער האָט אָבער געפילט, אַז די שכינה איז זיין אייניציקער קרוב — ער האָט אונזער וועלט איגנאָרירט.

לעגיאָנער: אָ, פאַרגעסט איצט אָן אַזעלכע זאַכן. היינט בין איך אייער קרוב.

חלוץ: נו, און וואָס איז מכּה אַ קאָזאַטשקעלע?

לעגיאָנער: אָלרייט, איך בין גרייט.

חלוץ: גוט, טאַנץ דו מיט דער באַרישניע, און איך וועל אונטערשפּילן. (חלוץ נעמט אַרויס אַקאָרינע און שפּילט. לעגיאָנער און רבקה טאַנצן אַ קאָזאַטשקע. העגט פּאַטשן פון ערגיץ אונטער).

לעגיאָנער (נאָכן טאַנצן): ווי אַזוי האָסטו געקענט אי פּאַטשן אי שפּילן אויף דער אָקאָרינע?

חלוץ (אָקאָרינע פאַלט אַרויס פון זיינע הענט, אין שרעק): ווער, איך? איך האָב ניט געפּאַטשט. דאָס האָט עמיצער אַן אַנדערער געפּאַטשט (עס דערגייט פון דרויסן אַ מין קנאַלן און אַ בייזער חאָיעץ).

לעגיאָנער: אַ בייזער ווינט. (עס דערהערט זיך אַ צוטרייסלענדער געלעכטער.)

חלוץ: האָט איר שוין געהערט אַ ווינט לאַכן?

לעגיאָנער (רייסט זיך צום טיר): כ׳מוז אַרויסגיין זען וואָס דאָרטן טוט זיך.

רבקה: גייט ניט, איך בעט אייך, אַזאַ שטורעם.

חלוץ: שאַ, שאַ, בעט זיך ביי אים ניט; ער וועט סיי ווי סיי ניט קענען אַרויסגיין אין דרויסן: די טיר איז גאַנץ גוט פאַרשלאָסן.

לעגיאָנער: פאַרשלאָסן? נאַ דיר אַ געשיכטע. מיר זיינען דאָך ניט לאַנג אַליין אַריינגעגאַנגען דורך איר.

חלוץ (מאַכט איבער): „אַליין אַריינגעגאַנגען דורך איר". נו, און דורך וואַנען בין איך אַריינגעגאַנגען? דורך די גראַטעס? דאָך, ווען איך האָב געוואָלט אַ ווײַלע שפּעטער עפּענען די טיר פון אינעווייניק — און — ניע ס'מיעסטאַ!

לעגיאָנער: נאָנסענס! (לויפט צום טיר. פּרובירט עפּענען. קען ניט.) העי, וואַט דו יו מין! גאַד דעמיט! (פּרובירט ווײַטער. עס גייט ניט. צום חלוץ) העי, חלוץ, קום, גיב מיר נאָר אַ העלף.

חלוץ: אומזיסט, גוטער ברודער, עס וועט דיר גאָרניט העלפן.

לעגיאָנער (קלאַפּט מיט די פויסטן אויפן טיר, שלעפּט, עס גייט ניט): צום טייוול! (אַ ספר פאַלט פון ערגיץ אַראָפּ).

חלוץ: אַהאַ, כ'האָב דיר געזאָגט, אַז מען טאָר זיין נאָמען ניט דערמאָנען.

לעגיאָנער: וואָס? און דו גלויבסט טאַקע אין דעם? קנאַפּ ביכער פאַלן פון די פּאָליצעס אפילו אין הייזער, ווו שדים (נאָך צוויי ספרים פאַלן. ענדיקט פאַמעלעכער) זיינען ניטאָ. או, הו! (גייט אוועק פון טיר. אַ ווײַלע בלייבן אַלע שטיל. עס דערהערט זיך פּלוצים אַ קלאַפּן אין טיר. זיי קוקן זיך איבער מיט שרעק און פראַגע).

לעגיאָנער: נו, דו ביזט דאָך עפּעס אַ גאַנצער מחותן מיט זיי. זיי זיינען עס איצט מסתמא געקומען צו דיר. זיי דאַרפן דיך קענטיק נויטיק האָבן. נו, גיי עפן זיי די טיר. זײַ זיי מקבל פּנים.

חלוץ: אי—ך? פאַרוואָס דאַרף איך עפּעס עפּענען? וואָס איז? איך וויל דען באַגיין זעלבסטמאָרד? אַזאַ כּבוד פּאַסט זיך נאָר פאַר דיר. דו ביזט דאָך עפּעס אַ גאַנצער קנאַקער. אי אַן אַמעריקאַנער, אי אַ לעגיאָנער (מאַכט אַ רעווערענס און ווייזט אָן אויפן טיר) פּשעפּראַשאַם פּאַנע! (מען קלאַפּט שטאַרקער) נו?

לעגיאָנער: מיינסטו טאַקע, אַז איך האָב מורא? נאָר

אַזעלכע קאַיקס ווי די קענען גלויבן אין אַזעלכע נאַרישקייטן.
זיכער וועלן מיר זיי עפענען און געבן אַ וואַרימען ברוך-הבא.
(נעמט זיין ביקס, ציילט איבער די קוילן אין ביקס-מאַגאַזין, און נעמט אָן
דאָס הענטל פון טיר).

רבקה: אָ, וואַרט אַ ווײַלע!

לעגיאָנער (מיט כעס): אַ—ר—ר—יין! (טיר עפנט זיך ניט.
פרוווט זי אַליין עפענען. עס גייט ניט) אַריין, זאָג איך דאָך אייך!
גיט דאָרטן אַ שטופּ פון יענער זייט. די טיר עפנט זיך שווער.

חלוץ (צושפּראַלט אין אַ געלעכטער): כאַ, כאַ, כאַ. אוי, אוי,
כאַ, כאַ, כאַ.

לעגיאָנער: צו וואָס איז אויף דיר אָנגעפאַלן דער
בייזער געלעכטער?

חלוץ (לאַכט ווייטער): צו וועמען רעדסטו עס דאָרטן,
אַמעריקאַנער יענקי? ווייסטו דען ווער עס קלאַפּט? עס קען
גאָר זיין, אַז אונז לוינט זיך בעסער מיר זאָלן האַלטן די טיר
גוט פאַרקנאַקט פון אינעווייניק, אַז קיינער זאָל ניט קענען
אַריינגיין צו אונז?

(עס דערהערט זיך אַ געוואַלדיק קנאַלן פון דרויסן, און מיט אַמאָל —
ווי אַ דונער-טראַסק. זיי שפּרינגען אַלע אויף הינטער. עס ווערט אויגנבליק-
לעך שטאַרק ליכטיק און שטאַרק פינסטער. די טיר עפנט זיך אויף לאַנג-
זאַם, אַזוי ווי פון זיך אַליין. אַ סנאָפּ אויסטערליש ליכט באַלויכט דעם אַרײַנ-
גאַנג. אַ צוויי מינוט שפּעטער שפּרייזט לאַנגזאַם אַריין דער מקובל. מיט
אַ שטעקן אין האַנט שפּרייזט ער לאַנגזאַם, מיט ווירדע און אַזוי ווי אין
שלאָף, ער באַמערקט קיין זאַך אַרום אים. ער גייט צו צום „לוח הנפטרים".
דער טאַוול הויבט זיך אויף, און פון אַ שוואַרצער לאָך שטרעקן זיך
פּלוצים אַרויס אַ מענגע שוואַרצע הענט, וועלכע ער גיט „שלום-עליכם".
דער לוח לאָזט זיך ווידער אַראָפּ. ער שפּרייזט דאַן ווי פריער לאַנגזאַם און
ווירדיק, און בלייבט שטיין אַ פּאָר טריט פון ארון קודש. דער פּרוכת פּאַר-
ציט זיך אַליין. די טירלעך עפענען זיך אַליין. דאַן גייט ער צו נאָענט צו-
אַזענעם אָרון קודש, און באַהאַלט זיין קאָפּ אינעווייניק. אַן אויסטערלי-
ליכט שטראַלט דאַן אַרויס פון ארון קודש און באַלייכט דעם מקובל. אַ מע-
לאָדיע פון כלות הנפש; זיס-טרויעריק, וועלכע נעמט אַזש די נשמה אַרויס

לאָזט זיך הערן דורך דער גאַנצער צייט, וואָס זיין קאָפּ איז אינעווייניק. ווען ער נעמט ארויס זיין קאָפּ פון ארון קודש, שפּרייזט ער צוריק אַ פּאָר טריט ה בּנערווייל. די ארון קודש־טירלעך פאַרשליסן זיך. דער פּרוכת פאַרציט זיך. ער נעמט זיך גיין צוריק צום טיר).

לעגיאָנער: (שטעלט אים אָפּ): גוט נאָוונט, רבּ, רעבּ, ראַבּאַי.

מקובל: (בלייבּט שטיין אָבּער קוקט ניט אויף קיינעם, זיינע אויגן זייגען געווענדעט צו דער ערד, איז אַזוי פאַרטראַכט ווי פריער.)

לעגיאָנער: מיר זיינען דאָ, פאַרשטייט איר – מיר האָבּן דאָ, אַזוי צו זאָגן, פאַרבּלאָנדזשעט — מיר וואָלטן, הייסט עס, געוואָלט דאָ איבּערנעכטיקן, עס הייסט — —

(מקובל ענטפערט ניט).

לעגיאָנער: פיליכט איז מעגלעך בּיי אייך צו קריגן אַ טרונק וואַסער, אַ קישן? (מקובל ענטבערט ניט)

חלוץ: אַדון, מיר גייען מאָרגן פרי אַוועק. כ'ווייס, מיר זיינען ניט קיין געבּעטענע געסט, אָבּער — — מיר וועלן דאָ קיין זאַך שעדיקן. (מקובל ענטפערט ניט). כ'ווייס, דאָ איז אַ שול. אַ הייליקער פּלאַץ, אָבּער אין דרויסן איז אַזאַ רעגן, אַזאַ ווינט, און קיין אַנדערע הייזער אַרום זיינען ניטאָ. (מקובל ענטפערט ניט, גייט שוין כמעט צו צום טיר.)

רבקה: (מיט גרויס פאַרזיכטיקייט, מורא און דרך־ארץ): רבּי, אַנטשולדיקט מיר — — איך בּין ניט מער ווי אַ אשה, אָבּער מיין פאָטער איז אויך געווען אַ רבּ. אין וואָלאָזשין איז ער געווען אַ רבּ.

מקובל: (שטעלט זיך אָפּ, גיט אויף איר אַ בּליק און טוט אַ ציטער, לאָזט אָבּער גלייך אַראָפּ די אויגן.)

רבקה: און ער פלעגט גאַנץ געדולדיק אויסהערן די רייד פון אַ אשה. וואָרום שווייגט איר, רבּי? אייער הויז איז פול מיט שרעקן. שאָטנס פון טויט לויערן אויף אונז. עס וויען אויף אונז קאַלטע ווינטן פון אַ בּייזער אומהיימלעכער וועלט. רבּי, מיר זיינען יידן אַזוי ווי איר. מיר לערנען ניט קיין תורה, נאָר מיר אַקערן און זייען און בּאַוואַסערן דאָס

הייליקע לאַנד. מיר קעמפן פאַר איר דערלייזונג. מיר געהערן צום נייעם דור, אָבער אונז איז ליב און טייער דאָס שיינע און גוטע פון די פריערדיקע דורות. רבי, ווו זיינען אייערע וואַרימע ווערטער פון אַ מכניס אורח? מיין פרומער פאָטער באַגעגנט יעדן מענטשן מיט אַ שמייכל. ער האָט מיר דערציילט, אַז ר׳ יוחנן בן זכאי פלעגט דער ערשטער זאָגן „גוט־מאָרגן" צו יעדן איינעם, אַפילו צו אַ גוי אין גאַס. פאַרוואָס שווייגט איר, רבי? ווו זיינען מיר? וואָס וויל מען פון אונז? צו וואָס שרעקט מען אונז? איז דאָס אַ פאַסטקע פון מלאך־המות? (זי וויל אַ ציי טאָן דעם מקובל פאַר זיין אַרבל, מקובל גיט אויף איר אַ קוק מיט ברייט=פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן, פול מיט גרויל) אוי, ער איז ניט קיין מענטש, ער איז אַ טייוול. (זי פאַלט אין אוממאַכט.)

מקובל: (מאַכט מיטן שטעקן אַ פּאַס איבער דער טיפקייט פון דער סצענע, וועלכער טיילט אָפּ רבקהן פון חלוץ און לעגיאָנער. גיט אַ קלאַפּ מיטן שטעקן און עס באַווייזט זיך:

פרוש: (אַ ריז, מיט אַן אויסדרוק פון גרויל).

מקובל: (ווייזט אים אויף דער פאַרחלשטער רבקהן.)

פרוש: (שלעפּט זי דורכן טיר.)

לעגיאָנער: (נעמט לויפן צום טיר.) ווו שלעפּסטו זי, דו ווילדע חיה? נעם גלייך אַראָפּ דיינע בערישע לאַפּעס פון איר. דו שד!

חלוץ: (לויפט אויך). אַך, טי סוואָלאָטש! (ווען חלוץ און לעגיאָנער קומען צום פּאַס, קענען זיי אים ניט אַריבערטרעטן.)

לעגיאָנער: יע, שוין ווידער מיט זייערע סוירקוס טריקס! קונצנמאַכער! צום טייוול זאָלן זיי גיין. אַ סוף וועל איך מאַכן פון אייך ביידן. (לויפט נעמען דעם ביקס, קען אים ניט אויפהויבן, פּרוווט כאַפּן אַ בענקל, קען אים ניט רירן.) גאַד דעמיט, ווי מיט נענל צוגעשמידט!

חלוץ: (פּרוווט אויך, אין דער זעלבער צייט, כאַפּן פאַרשידענע זאַכן אום זיי צו וואַרפן אויפן מקובל און שמש, אָבער ער קען זיי ניט רירן פון אָרט.) מיט צוועקעס צוגעקלאַפּט. (לעגיאָנער און חלוץ לויפן צוריק צום טיר.)

לעגיאָנער: לאָזט בעסער אויס אייער בעסטיאַלן כעס צו איינעם פון אונז! וואָס האָט איר צו דער מיידל?

חלוץ (ווייזט מיטן פינגער אויף לעגיאָנער און זאָגט): יע, צו איינעם פון אונז.

לעגיאָנער: צו אונז, צו מיר, איידער צו אַן אומבאַהאָלפענער מיידל, איר באַסטאַרדס!

פרוש: (שלעפט זי אַרויס און פאַרמאַכט די טיר).

מקובל (הויבט אויף זיינע הענט אַנטקעגן חלוץ און לעגיאָנער, וועלכע נעמען גיין היִנטערוויילעכס, אַזוי ווי געשטופּט, לאַנגזאַם, ביז זיי דערגרייכן די ביידע זייטן עמוד. דער מקובל לאָזט דאַן אַראָפּ די הענט, און איינציייטיק לאָזן זיך אַראָפּ די שוואַרצע הילצערנע כהנים-הענט פון איבערן עמוד, לייגן זיך אויף די קעפּ פון חלוץ און לעגיאָנער, וועלכע פאַרלירן דעם לשון פאַר שרעק, און ווערן אַזוי אַראָפּגעשטופּט ביז דער ערד. דער מקובל גייט דאַן לאַנגזאַם צוריק, גיט ווידער שלום די הענט פון היִנטערן לוח הנפטרים, און ווען ער קומט צום טיר, עפנט זי זיך אַליין לאַנגזאַם אויף. דער מקובל גיט אַ לויף אַרויס. די טיר פאַרמאַכט זיך מיט אַ קנאַק. אַ הילכיק געלעכטער שפּראַלט אויס אויף יענער זייט).

לעגיאָנער (קומט צו זיך, שטייט אויף נאָך אַ קאָנוולסיוון קאַמף מיט זיינע האַלב-פּאַראַליזירטע גלידער. צום חלוץ): העי, דו, שלימזל, כאַפּ זיך אויף. קענסט אַזוי טיף אַריינשלאָפן, אַז דו וועסט שוין מער ניט דערלעבן אויפצושטיין.

חלוץ: ווו בין איך?

לעגיאָנער: ווו, אַ שטייגער, זאָלסטו זיין? ביי דיין טאַטן אין ווייַנגאָרטן. גיכער, נו, גיב אַ שאָקל מיט אַ פוס. דאָס מיידל האָט מען אַוועקגעשלעפּט, און מיר מוזן זי ראַטעווען פון זייערע נעגל.

חלוץ: זי איז אין גוטע הענט! דאַכט זיך אַ צדיק מיט אַ באָרד און פּאות, און האָט אַ חשק צו מיידלעך. כ'לעבן, ער איז אַ מבין.

לעגיאָנער: מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פּאָר פאַרשאָלטענע דעגענעראַטן, וועלכע זיינען פעאיק אַלץ אָפּצוטאָן. ביי אונז אין

אַמעריקע טרעפט, אַז אַזעלכע בעסטיעס קידנעפּן אַ מיידל, פאַרפּייניקן זי, און צושניידן זי אויף שטיקער.

חלוץ: אויף שטיקער?

לעגיאָנער: אויף שטיקער! און שפּעטער, אין אַ טאָג אַרום, און אַמאָל טאַקע אין אַ יאָר אַרום, געפינט מען אין טייך אָדער ערגיץ אויף אַ ליידיקן געהעפט אונטערגע-וואָרפן דאָ אַ האַנט, דאָ אַ קאָפּ, אַז איך זאָג דיר, אויף שטי-קער צושניידן זיי.

חלוץ: נו, און מענער כאַפּן זיי אויך? (ציטערט פון שרעק).

לעגיאָנער: וועל, ניט אַזוי אָפט, נאָר עס טרעפט, אַז זיי קידנעפּן אויך אַ מאַן.

חלוץ: צו וואָס דאַרפן זיי אַ מאַן?

לעגיאָנער: ערשטנס, זיינען דאָ אַזוינע אויסוואורפן, וועלכע האָבן אַ דעגענערירטע ליידנשאַפט צו מענער, און צווייטנס, טרעפט אַז אַ מאַן ווערט געקידנעפּט און פאַרפּייניקט צום טויט פון אַזוינע לייט, וועלכע האָבן פאַרגעניגן צו פּיי-ניקן, צו זען יענעמס בלוט רינען. יע, זיי צושניידן אַ מענטשן שטיקערווייז, לעבעדיקערהייט, קאַניבאַלן, אַן אומגליק אויף זיי!

חלוץ: אויב אַזוי, איז דאָך מעגלעך, אַז אַט-די טיי-וואָלים דאַרפן דאָך אונז אויך האָבן?

לעגיאָנער: אָ, אָ, אָ, ווי ס'איז מעגלעך. שאַ, זיי נאָר ניט אַזוי זיכער מיט דיין קאָפּ. מיר מוזן באַצייטנס זיך צוזאיילן און זיך אַרויסכאַפּן פון אַט-דער נעץ און קעמפן קעגן זיי אויף אַן אָפענעם שטייגער. איך וועל בלייבן שטיין אין דרויסן, און דו וועסט לויפן אין טבריה ברענגען טעלעכע זשאַנדאַרמען. אויב מיר בלייבן דאָ וואַרטן אויף דעם צדיקס גנאָד, זיינען מיר קאַפּוט.

חלוץ: קאַפּוט! מען וועט נאָך אונזערע קישקעס אַרויס-טרייבערן. אָ, ווען איך קען איצט זיין דאָרטן וווּ איך בין איצט ניטאָ! וואָס האָט מיר געפעלט אין מחנים? באָרוועס בין איך געגאַנגען? — געגאַנגען. הונגערן האָב איך געהונגערט?—

נעהונגערט. אַן אָרט האָב איך געטאַנצט? — געטאַנצט. הער זיך איין, גוטער ברודער, נאָכדעם ווי מיר וועלן זיך פון דאַן אַרויסרייסן, גיב איך דיר מיין וואָרט, (שטרעקט אים אויס די האַנט) אַז איך וועל שוין בעסער שלאָפן אויף שטעכיקע סאַבּרעס, צווישן שלאַנגען און עקדישן, איידער פאַרקריכן אין אַזוינע באַרעדטע הייזלעך.

לעגיאָנער: וואָס טויג מיר צו הערן, וואָס דו וועסט טאָן אין דרויסן, אַז דו וועסט שוין, דוכט מיר, גאָר ניט דערלעבן פון דאַנען ווען עס איז אַרויסצוגיין. (עס דערהערן זיך געשרייען פון רבקהן. ביידע לויפן צום טיר, פּרובירן זי עפענען).

לעגיאָנער: שוין ווידער פאַרקנאַקט, גאַד דעמיט! העי, קום אַהער, נאָמיר נעמען אַ באַנק, און דורכברעכן די טיר מיט אַ קנאַק. (זיי ברענגען צושלעפן אַ באַנק, און הויבן זי אָן צו ה"גן אהין און צוריק, כדי צו געבן שטאַרקן אימפעט. לאָזט זיך דאַן אַראָפּ פון דער הויך אַ לעמפּל און נעמט בלאָזן אַ שטאַרקן רויך, וועלכער נעמט אָנפילן די לופט מיט שטיקעניש).

חלוץ (לאָזט אַרויס זיין טייל באַנק): פע, פּאַסקודנע, עפּעס שטיקט אַזוי. (לאָזט זיך אַראָפּ).

לעגיאָנער: אופפפפף! טאַקע אַ מאָדנער טשאַד. עפּעס נעמט זיך מיר אויך דרייען דער קאָפּ. שאַ, וואַרט אַ ווײַלע, איך וועל דיר געבן אַ טרונק וואַסער. (לעגיאָנער לויפט צום כיור און ברענגט אים וואַסער אין זיין העלמעט).

חלוץ: אוי, מיין אָטעם, מיין האַרץ... (פּרובירט טרינקען). פע, ס'אַ מאָדנע וואַסער. (קוקט אַריין אין העלמעט) ס'איז ניט קיין וואַסער, ס'איז בלוט!

לעגיאָנער: וואָס? בלוט? דו רעדסט פון היץ?

חלוץ: גיב נאָר אַ קוק.

לעגיאָנער (קוקט אַריין אין העלמעט. לויפט דערנאָך צו צום כיור, האַלט זיינע הענט אונטערן קראַן, און הויבט זיי אויף.) יע, ס'איז בלוט! מענטשלעך בלוט!

חלוץ: אוי, עס איז מיר שלעכט. (פאַלט אין חלשות. ציט ־ך אויס.)

לעגיאָנער (קוקט אויף דעם רויכערדיקן לאַמפּ): אַך, די קאַנאַליעס, מיט גיפטיקע גאַזן ווילן זיי אונז דערשטיקן. (כאַפּט זיין ביקס). אפשר גייט עמיצער פאַרביי און וועט דער-הערן. (נעמט שיסן דורכן פענסטער, לאָזט זיך אָבער באַלד אַראָפּ.) ניטאָ קיין לופט. (פאַלט אַנידער, די ליכט נעמען זיך לעשן, די טיר נעמט זיך לאַנגזאַם עפענען. מען זעט די האַנט, וועלכע עפנט זי פון דרויסן, אָבער דער פאָרהאַנג נעמט זיך דאַן אַראָפּלאָזן, און איידער מען זעט ווער עס גייט אַריין, איז שוין דער פאָרהאַנג אַראָפּ.)

(ענדע פון צווייטן אַקט)

דריטער אַקט

צייט: אויף מאָרגן נאָך דעם צווייטן אַקט.
פּלאַץ: אין קעלער פון שולכל.

דער קעלער איז נידעריק אָבער טיף. דורך לעבער נעבן סופיט פאַלט אַריין אַ שוואַכע, אומהיימלעכע ליכט. 3 קאָלאָנען—אויף רעכטס, אויף לינקס און אין מיטן (און טיפער) פאַרהאַנגען. פון ביידע זייטן פון דער מיטלסטער קאָלאָנע שטייען 2 שוואַרצע און הויכע לייכטער פאַר איינציקע ליכט. נעבן דער רעכטער ליכט — אַ נידעריקע, שוואַרצבאַדעקטע פּלאַטפאָרמע פאַר מלקות-שמיץ.



ווען דער פאַרהאַנג הויבט זיך אויף, זעט מען ווי דער מקובל ליגט אויף זיין בויך, איבער דער שוואַרצער פּלאַטפאָרמע, און דער פּרוש גיט אים מלקות מיט אַ 4-רימענדיקן בייטש. דער פּרוש זאָגט פאַר יעדן שמיס אַ וואָרט פון „והוא רחום", און דער מקובל ענטפערט מיט אַ וואָרט פון „אשמנו", און גיט זיך דערביי אַ שטויס אין בהוסט.

*

פּרוש: והוא
מקובל: יעצתי רע
פּרוש: רחום
מקובל: כזבתי
פּרוש: יכפר
מקובל: לצתי
פּרוש: עון
מקובל: מרדתי, רבונו של עולם!
פּרוש: גענוג, רבי?
מקובל: רבונו של עולם, טאַטע פאָטער, נאָך! נאָך!
פּרוש: ולא
מקובל: נאצתי
פּרוש: ישחית
מקובל: סררתי
פּרוש: והרבה
מקובל (לאָזט זיך אַפּיסל אַראָפּ פון ווייטאָג): אוי, געוואַלד,
טאַטע פאָטער! עויתי
פּרוש: להשיב
מקובל: פשעתי
פּרוש: אפו
מקובל: צררתי
פּרוש: ולא
מקובל: קשיתי עורף

פרוש: יעיר
מקובל: רשעתי
פרוש: כל
מקובל: שחתי
פרוש: חמתו
מקובל: תעבתי, תעיתי, תעתעתי, סרתי ממצותיך וממשפטיך הטובים..... (רעדט װײטער אומהערבאר. דערנאָך בלײַבט ער שטיל און פּאַרטיפט. הױבט זיך אױף, טוט אָן די קאַפּאָטע. הײסט דעם פּרוש אַרױסגײן, דער פּרוש גײט אַרױס. דער מקובל צינדט דאָן אָן בײדע ליכט מיט אַ מאַך פֿון זײַנע הענט, בלײַבט שטײן אַ װײַלע פֿאַרטיפֿט און גיט אַ מאַך מיט זײַן רעכטער האַנט. דער פֿאָרהאַנג איבער דער לינקער קאַ״אָנע הױבט זיך אױף און מען דערזעט דעם לעגיאָנער, אַ פּאַרשיאָזיענעם און מיט די הענט געבונדן אױף הינטן, זיצנדיק אױף אַ בענקל. דער מקובל גיט אַ מאַך מיט דער לינקער האַנט — און דער פֿאָרהאַנג איבער דער רעכטער קאַלאָנע הױבט זיך אױף און אַנטבלױזט דעם חלוץ אין אַן ענלעכן צו־שטאַנד.

לעגיאָנער (הױבט אױף זײַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, אַזױ װי ער װאָלט זיך אױפֿגעכאַפּט פֿון אַ טיפֿן שלאָף): או־אַ, װוּ בין איך דאָ? (רײַבט מיט די הענט די אױגן און קוקט זיך אַרום. באַמערקט, אַז זײַנע הענט זײַנען צוגעבונדן אױף הינטן. מאַטערט זיך צו באַפֿרײַען, אָבער עס גע־לינגט אים ניט. באַמערקט פּלוצים דעם חלוץ.) העי, דו, האָלעדראַנעץ, כאַפּ זיך אױף! (חלוץ כראָפּעט שטאַרקער.) זע, װאָס האָסטו זיך אַזױ צוכראָפּעט? (גיט אַ טרײסל מיט זײַן פֿוס אום צו חאַרפּן מיט זײַן שוך. דער שוך גײט אָפּ פֿון מיטן בינע, גיט זיך אַ הױב אין דער לופֿטן, הענגט אַ װײַלע און פֿאַרשװינדט אין דער הױך. נעמט מיט דער אַנדערער פֿוס קלאַפּן שטאַרקער אױף דער פּאָדלאָגע.)

חלוץ (נעמט זיך טשוכענען): צום טײַװל! געבונדן װי אַ כּפּרה. און דו, יצמח, ביזט אױך אַזױ געפּענטעט?

לעגיאָנער: װאָס דען? װען מײַנע הענט זײַנען פֿרײַ, װאָלט איך שױן לאַנג דיר אָנגעריסן דײַנע אױערן אום דיר אױפֿצװעקן. זאָג נאָר, װער האָט דיר אַהער געבראַכט?

חלוץ: איך ווייס? איך הויב ניט אָן צו געדענקען. און ווער האָט דיר דאָ פּאַרפּאַקט?

לעגיאָנער: איך הויב אויך ניט אָן צו וויסן. שאַ, ווען איז דאָס געווען?

חלוץ: וואָס?

לעגיאָנער: אָט די מעשה מיט די „ניט־גוטע“.

חלוץ: אָ, איצט דערמאָן איך מיר. אָט אין יענער שולכל מיט די מתים. די קאָפּ טוט מיר אַזוי וויי, אַזוי ווי האַמערס וואָלטן אין איר געקלאַפּט.

לעגיאָנער: מיר דוכט, אַז עס איז געווען מיט עטלעכע טעג צוריק, און אפשר גאָר נעכטן. יע, און ווו איז דאָס מיידל?

חלוץ: וועלכע מיידל?

לעגיאָנער: אָט יענע מיידל, וועלכע איז געווען מיט אונז אין שולכל, און וועלכע מען האָט אַוועקגעשלעפּט.

חלוץ: אָ, יענע מיידל! כ'האָב מורא, אַז מען האָט זי שוין לאַנג צושניטן אויף שטיקער. איצט איז אונזער אָטשערעד.

לעגיאָנער: מיר מוזן גלייך לויפן זי ראַטעווען. איך בין אָבער אַזוי געבונדן, אַז איך קען זיך קוים רירן.

חלוץ: שאַ, האָב קיין מורא ניט, די קצבים וועלן אונז שוין באַלד קומען נעמען צו דער אַרבעט. אַלץ וואָס איך וויל קענען טאָן, איז בלויז אַ שפּיי טאָן אויפן שוואַרצן טייוול. (גיט אַ שפּיי. עס פּעס אַ שוואַרצס, ווי אַ קאַץ אין אַ זאַק, גיט זיך אַ דריי און אַ פלאַנטער פון איין עק ביז בינע ביזן צווייטן) אַהאַ, איך דערמאָן מיר שוין, מען טאָר דאָ די ניט־גוטע ניט דערמאָנען ביים נאָמען. שאַ, ווי געפעלט דיר דער משוגענער בטלן?

מקובל (הויבט אויף זיין קאָפּ, גייט צו נענטער, קוקט ניט אויף זיי): משוגע? בלויז די וואָכעדיקע וועלט איז ניט ביים זינען. זי שפּילט זיך מיט ליימענע שערבלעך, ווען דימענטן וואַלגערן זיך אין די גאַסן. די עולם־הזהניקעס זיינען בטלנים, זיי בטלען אַוועק זייערע טייערע און געציילטע טעג אין תענוגים, וועלכע

זיינען זיס פון אויסן, אָבער ביטער פון אינעווייניק. און אונ־זערע מינוטן זיינען אַזוי ווייניק, און זיי זיינען אונז געגעבן במתנה, כדי מיר זאָלן קענען זיך עוסק זיין אין עבודת הבורא.

ל ע ג י אָ נ ע ר: אַהאַ, דאָס ביזטו, שוואַרצע חיה?

מ ק ו ב ל: שוואַרץ איז די נאַכט. שוואַרץ איז דער טויט און שוואַרץ איז זינד און טומאה. קדוש ברוך הוא האָט שוואַרץ ניט באַשאַפן. זיין בריאה איז לויטער ליכט. אָבער דורך די צינורות פון די ספירות, פון ערשטן פינטעלע, נקודה ראשונה, האָט זיך די לויטערע ליכט ביסלעכווייז פאַרמינדערט, ביז וואַנען די פגימות האָבן זיך אַזוי פאַרמערט, אַז די פינסטערע קליפות זיינען דערשינען מיט 10 מדרגות פינסטערניש. ויבדל אלהים בין האור ובין החושך. און דער חושך איז דער שוואַרצער פייער פון גיהנם. דער האַרבער דין איז צו דיק אום דורכגעשטראַלט צו ווערן פון רחמים־ליכט (ער מאַכט דערביי שרעק־אָנוואַרפנדיקע תנועות).

ח ל ו ץ: וואָס ווילט איר פון אונז, רבי? מיט וואָס האָבן מיר געזינדיקט, וואָס איר מאַטערט אונז אַזוי?

מ ק ו ב ל: יסורים זיינען מטהר. דורך יסורים ווערט אונ־זער גשמיות אָפּגעשוואַכט, אונזער רוחניות שטייגט.

ח ל ו ץ: גיט נאָר אַ קוק אויף מיינע מאָזאָליסטע הענט! 600 בוימער האָבן זיי איינגעפלאַנצט אין ארץ־ישראל. זיי האָבן דעם שווערן, אייזערנעם פּיאַש געהויבן מיליאָנען מאָל אַרויף און אַראָפּ, כדי צו עפענען די ברוסט פון דער מוטער־ערד פאַר די באַפרוכטבאַרנדע רעגנס. יעדער ביין פון מיין קערפּער איז פון דעם פּיאַש צובראָכן. יעדער נערוו מיינער איז צו־פלאָגט פון די פיבערס, וועלכע איך האָב באַקומען, טריקענענ־דיק די פאַרפּעסטעטע זומפּן אַרום חולה. איז דען ניט קיין מצוה אויסצולייזן דעם גרונד פון ארץ־ישראל, נענטער צו מאַכן די גאולה?

מ ק ו ב ל: די גאולה? די גאולה קען מען ברענגען נאָר דורך סיגופים יחודים און הייליקע כוונות. אַלע נשמות מוזן דורכגיין זייערע אַלע גילגולים און עיבורים און אויסגעלייטערט

ווערן פון אַלע טומאות. אפילו די קליפה סמאל, קץ כל בשר׳ און ביידע קליפות לילית, — לילית די אומריינע פרוי פון סמאל און לילית די זינדיקע פרוי פון אשמדי מלך השדים,-זיי וועלן אויך געלייטערט ווערן פון דער אור-אַלטער זוהמא און זיך דערהויבן דורך אַלע מדרגות פון קדושה צוריק צום עולם האצילות. און אַלע לענדער פון חוץ לארץ וועלן ווערן הייליק ווי ארץ ישראל, און משה רבנו עליו השלום וועט נתגלה ווערן און אַלע מתי מדבר וועלן אויפשטיין און דער בית המקדש של מעלה מיט אַלע זיינע הייליקע כלים וועלן אַראָפּנידערן פון אויבן צו אונז אַהער, אַהער, און די שכינה הקדושה וועט אונז פירן בראש גלוי צו ירושלים עיר הקודש. די אומות העולם קענען בויען זייערע בנינים צו די כחות הטומאה מיט ליים און ציגל, אָבער אומת ישראל בויט מיט סודות, מיט צירופים.

לעגיאָנער: אין דען ניט הייליק צו גיין קעמפן מיט אַ ביקס פאַר ארץ-ישראל, אויסלייזן זי פון פרעמדע הענט? וואָס ווילט איר פון אונז?

מקובל: מיט אַ ביקס? אויסראָטן עמלקן מיט אַ שווערד? ווען דער אדם קדמאה האָט געזינדיקט מיטן עץ הדעת, האָט ער אַריינבאַקומען אין זיין הייליקער נשמה פיל אומריינקייט, און דרום איז דאָ אין די נשמות פון אַלע זיינע קינדער, אין אַלע דורות, דער געמיש פון הייליקייט און אום-הייליקייט. פונקען הייליקייט האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין די אום-ריינע נשמות פון די פעלקער, און דרום האָבן זיי דערגרייכט הויכע מדרגות אין פאַרשידענע חכמות. פונקען טומאה האָבן אויך פאַרבלאָנדזשעט אין די הייליקע נשמות פון יידישע קינ-דער, דרום ווערן מיר אַזוי געפייניקט פון אומגלויבן און פאַל-שע זוכענישן אויף פרעמדע וועגן. מען קען ניט פאַרטיליקן אינגאַנצן די עמלקים, וועלכע האָבן די פונקען פון טהרה אין זייער טומאה, סיידן די בני ישראל וועלן דורך צירופים און תיקונים פאַרריכטן די פגימות אין זייערע אייגענע נשמות.

חלוץ: און די יידישע שטעט און דערפער, וואָס מיר

בויען, און די טויזנטער גלות-יידן, וועלכע מיר העלפן זיך באַ-זעצן אויף דער הייליקער ערד — —

מקובל: די יידן קומען אַראָפּ קיין ארץ ישראל, אָבער די שכינה בלייבט אין גלות. די אַראָפּגעקומענע ברענגען מיט זיך ניט די קדושה פון פומבדיתא און ליבאָוויטש. זיי קומען ניט אַהער, ווייל זיי גאַרן נאָך דביקות צום השם יתברך. כי לא בחפזון תצאו. פריער דאַרף זיין די איתערותא דלתתא, פון אונטן דאַרפן קומען די הייליקע לייטערונגען, כדי די איתערותא דלעילא, די אויבערשטע וועלטן זאָלן אונז מיטהעלפן. יידישע בולבעס, יידישע ציגן אין ארץ-ישראל! פששש! ווו איז אָבער די באַנייטע, געלייטערטע יידישע נשמה אין ארץ-ישראל? (מיט כעס) זאָל פאַרשטומט ווערן דער פאַלשער ניגון! נעמט אַוועק פון דאַן די פאַלשע משיחים! (ביי די ווערטער שט עקט זיך אויס א האנט פון רעכטס און גיט א שלעפ אוועק הינטער די קוליסן דעם חלוץ, און א האנט פון לינקס שלעפט אזוי אוועק דעם לטגיאָנער פון לינקס.) כי לא בחפזון תצאו. (וויינט זיך פונאנדער היסטעריש. ער גייט דאַן צו צו דער מיטלסטער קאָלאָנע, נעמט אָן זיינע ציצית אין דער לינקער האנט און גיט א מאך מיט דער רעכטער האנט. דער פאָרהאנג הויבט זיך אויף און מען דערזעט רבקה, ער גיט א געשריי:) אשה!

רבקה (כאפט זיך אויף מיט שרעק.): א? וואָס איז? ווו בין איך?

מקובל: אשה פאַרוואָס ביזטו אַהער אַראָפּגעקומען מיר שטערן מיין הייליקע מלחמה מיט די פאַרבאָרגענע פינס-טערע כוחות?

רבקה: ווער האָט מיר דאָ אַראָפּגעבראַכט? ווי אַזוי קום איך אַהער?

מקובל: אשה, קיינער האָט נאָך דיר נישט געשיקט. זינדיקע פאַרלאַנגען האָבן דיך אַראָפּגעבראַכט קיין ארץ-ישראל, אָבער די הייליקע כוחות האָבן מיר אַרויסגעהאָלפן און דיך אַריינגעבראַכט צו מיר אין די הענט, אום איך זאָל קענען איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיך באַפרייען פון דער שווערער

קייט וועלכע הענגט אויף מיין האַלז און ציט מיך צום אָפּ-
גרונט.

ר ב ק ה: שאַ, איך דערמאָן מיך, ווען איז עס געווען,
נעכטן צי פאַראיאָרן – אַ קליינע שולכל פול מיט שרעקן און
דו – יע – דו – ליבאַוויטשער – מיין געליבטער (װאַרפט
זיך צו אים אויפן האַלז).

מ ק ו ב ל: אַוועק פון מיר! מאַך ניט שווערער אויף
מיין נשמה דעם לאַסט פון ערדישע פאַרלאַנגען! יע, דאָס בין
איך דער ליבאַוויטשער מקובל, וועלכן דיין פאָטער האָט מיט
גרויס שאַנדע און פיין פאַר מיר אַרויסגעטריבן פון וואָלאָ-
זשינער ישיבה אין מיטן שמחת תורה. אין די אויגן פון מיי-
נע אַלע חברים האָט ער מיין בלוט פאַרגאָסן און האָט פאַר-
שאָלטן יעדן איינעם אין שטאָט, וועלכער וועט מיר געבן אַ
טרונק וואַסער צו שטילן מיין דאָרשט, אָדער אַ געלעגער אָפּ-
צורוען מיין מידן קאָפּ! נאָך גרויס מי און מאַטערניש איז
מיר ענדלעך געלונגען אַראָפּצוקומען אַהער אין ארץ ישראל
און אויסזוכן אָט-די חרובע שולכל (װײַזט מיט די פינגער אויבן)
נעבן צפת, פון אר"י הקדוש און זיינע הייליקע צוויי גרויסע
תלמידים ר' חיים וויטאַל און ר' ישראל סרוק. דאָ, אויבן אין
שולכל, און דאָ אין קעלער האָט דער הייליקער אר"י אַנט-
דעקט, נאָך חדשים פאַסטן און תענוּתים, אַז יעדע זאַך האָט
אַ נשמה, אַפילו אַ שטיין אָדער אַ שטיק האָלץ זיינען גילגולים
פון מענטשלעכע נשמות, וועלכע זיינען געשטאָרבן ניט גע-
לייטערטערהייט. דאָ האָט מען דעם הייליקן אר"י אַנטפּלעקט,
פון יענער וועלט, אַז ביי אדם הראשון האָבן זיך פאַרמישט
הייליקייט און אומריינקייט, און יעדע ריינע נשמה האָט פונ-
קען שמוץ, און יעדע שמוציקע נשמה האָט פונקען ריינקייט.
אין ד ע ם גרויסן מישמאַש ליידן די נשמות און עס ליידן
אַלע וועלטן, און עס הערשט אַ גרויסער אומרו איבעראַל. ווי
נאָר, אָבער, גוטס וועט אָפּגעטיילט ווערן פון שלעכטס, דורך
גילגולים און עיבורים, וועט משיח קומען אויף דער וועלט.
און אום צו באַפרייען כשרע נשמות פון די פונקען טומאה,

דאַרף מען קענען די 72 נעמען פון גאָט. איך קען שוין 69 נעמען, אָבער די לעצטע דריי קען איך בשום אופן ניט אויסגעפינען, ווייל ווי נאָר איך פאַרמאַך די אויגן און פאַרטיף זיך אין דער פאַרבאָרגענער וועלט, דערשיינט פאַר מיר, רבקה, דיין פאַרפירערישער שיינער גוף, און פאַרסמט מיין נשמה מיטן סם פון ערדישער תאווה, אַזוי אַז איך פאַל גלייך אַראָפּ פון אַלע הויכע וועלטן צוריק אין דער וועלט פון גשמיות.

ר ב ק ה: אַזוי, געדענקסטו נאָך מיר, טייערער — און איך האָב דיך אויך קיין מינוט ניט פאַרגעסן. גלייך נאָכדעם, ווי דו ביזט אַרויסגעטריבן געוואָרן פון מיין פאָטערס הויז, בין איך געלאָפן נאָך דיר איבער אַלע גאַסן און איבער די פעלדער, וועלכע רינגלען אַרום אונזער שטעטל וואָלאָזשין, און איך האָב מיט אַזאַ היסטעריע גערופן דיין נאָמען, אַז גויים האָבן מיר געכאַפּט, מיך געבראַכט צוריק אין שטעטל און מיין פאָטער האָט מיך געהאַלטן 3 חדשים פאַרשפּאַרט אין צימער, מיינענדיק אַז איך בין אַראָפּ פון זינען. און נאָכדעם, ווען מען האָט מיך פריי געלאָזן, פלעג איך נאַכט איין נאַכט אויס, זייער שפּעט אין דער נאַכט, זיך אַריינכאַפּן אין ישיבה און קושן דעם באַנק אויף וועלכן דו ביזט געזעסן, אומאַרמען דעם שטענדער אויף וועלכן דו האָסט באַהאַלטן דיין גמרא. און ענדלעך, ווען אַ משולח פון רמב״נס פּושקע איז געקומען פון ארץ ישראל קיין וואָלאָזשין, און אונז דערציילט, אַז ער האָט דיך אַמאָל געזען אין ירושלים, ביים כותל מערבי, האָב איך גלייך פאַרקויפט מיינע צירונג און די בעסטע קליידער און בין אַוועקגעלאָפן אָן דעם ווילן פון מיינע עלטערן און אַפילו אָן זייער ברכה — און שוין איבער אַ יאָר ווי איך בין דאָ, אין ארץ ישראל, זוכנדיק דיך אָן אויפהער. מיין מוטער איז פון האַרצווייטאָג געשטאָרבן. מיין פאָטער איז זייער שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן און האָט אַפילו אויפגעהערט זאָגן אַ שיעור פאַר די ישיבה־בחורים. אָבער איך האָב אַלץ מקריב געווען נאָר אום צו זיין ווידער מיט דיר, אום אַרויסצורייסן דיך פון דיינע כמורנע וועלטן, אום צו ראַטעווען דיך

פון דעם ביטערן סוף, וועלכער דערוואַרט אָט די אַלע וועלכע גייען אַריין צו טיף אין קבלה.

מקובל: דיין קומען איז צו שפּעט, טאָכטער. איך געהער שוין ניט צו דער פּראָסטער וועלט, מיט אירע קערפּערלעכע תאוות און פאַרגעניגנס. כ'האָב שוין אַלע קערפּערלעכע באַגערן אויסגעוואָרצלט, אויסגעבערענט פון זיך. איך לעב אין די וועלטן פון די הייליקע ספירות — —

רבקה: עס איז ניט שפּעט, טייערער. פאַרלאָז דיין אומהיימלעכע וועלט. קום מיט מיר צום זונשיין פון העלע טעג, קום מיט מיר צו פעלדער באַוואַקסן מיט בלומען און באַהויכט מיט טוי. קום מיט מיר צום ברעג פון ים כנרת, דאָ ניט ווייט, און לאָמיר זיך צוהערן צו דער צויבער־שפּראַך פון די אומרואיקע וואַלן —

מקובל (שטופּט זי װידער אָפּ)*: אשה, האָב רחמנות, אשה. לאָז מיך אָפּ. דו, דער קוואַל פון טומאה, דו, וואָס דו האָסט געבראַכט זינד אויף דער וועלט.

רבקה: ווער, איך? וואָס ווילסטו פון מיר?

מקובל: דו ביזט חוה, חוה די אייביקע, וועלכע ווערט ווידערגעבוירן מיט יעדער פּרוי פון יעדן דור. דו, חוה, האָסט אַריינגעבראַכט דעם גיפט פון שלאַנג אין אונזערע הערצער, די לוסטן פון פליש.

רבקה: זאָג מיר נאָר, ליבאַוויטשער, אין וואַלאָזשין ביזטו נאָך גאָר ניט געווען אַזוי פאַרביטערט אויף די ווייבער. ווי קומט עס אַלעס צו דיר מיט אַמאָל? זיינען דאָס ווירקלעך אַלע פרויען זינדיק? און אונזערע הייליקע אמהות, שרה, רבקה, רחל און לאה? און יוכבד, די מוטער פון משה רבינו? און דבורה הנביאה? און דיין מוטער, וועלכע האָט דיך 9 חדשים געטראָגן אונטער איר האַרצן? זיינען זיי אַלע געווען איינגעטונקט אין טומאה?

מקובל: שווייג, אשה, לעסטער ניט! יענע הייליקע נשים צדקניות האָבן ניט געררייצט די תאוות אין די מענערשע

הערצער. זייער וואַסער איז געקוואָלן טיף פאַרבאָרגן. זייער ליכט האָט געשיינט אונטער אייזערנע מחיצות.

ר ב ק ה: דו גאַרישער מקובל. די תאווה עקזיסטירט אין הארצן פון מאַן, נאָך איידער די פרוי קומט צו אים רייצן. אַ פלאַם באַהעפט זיך נאָר צו אַ זאַך, וואָס האָט די נאַטור צו ברענען. דיין שרעק פאַר מיר, פאַר דער פרוי אין מיר, פאַרראַט דיין זינדיקע פערזענלעכקייט. אפילו יוסף הצדיק איז ניט זיכער געווען מיט זיך, אַז ער וועט ביישטיין דעם יצר הרע, און ער איז אַנטלאָפן באַצייטנס.

מ ק ו ב ל: זיכער איז דאָ אין יעדער הייליקער נשמה אַ פונק פון טומאה. מיין ליבע צו דיר איז דער פונק פון טומאה. און איך בין פון דיר אַנטלאָפן פון וואָלאָזשין קיין צפת, אָבער פון מיין ליבע צו דיר איז מיר שווער אינגאַנצן צו אַנטלויפן. זי איז מיין שאָטן, דער עכאָ פון מיינע געדאַנקען. פאַרשווינד פון מיין לעבן! אויב ניט, האָב איך דאָך דעם כח צו פאַרלעשן דאָס ליכט פון דיין לעבן מיט איין שפרונג פון מיינע ליפּן.

ר ב ק ה: און איך האָב דעם כח אַנצוצינדן און אויפצוּפלאַקערן דעם פאַרלאָשענעם פלאַם פון דיין לעבן מיט איין קוש פון מיינע ליפּן. (שפּאַרט זיך צו אים, אָבער ער שטופּט זי אָפּ.)

מ ק ו ב ל: אשה, רייץ מיך ניט מיט דיין טריפהן העלישן פייער. איך בין באַשאַפן געוואָרן בלויז צו ליבן דעם רבונו של עולם. אוי, רבונו של עולם. כאיל תערג על אפיקי מים, כן נפשי תערג אליך אלהים, צמאה נפשי לאלהים!

ר ב ק ה: אַ רחמנות אויף דיר, צושראָקענער פאַנאַטיק. איז דען ניט די אשה די מייסטערווערק פון גאָט, אַזוי ווי דער מאַנסביל? ווען ניט די פרוי, וואָלט דאָס וואָרט „ליבע" ניט עקזיסטירט אין דער מענטשלעכער שפּראַך און הארצן און אויך ניט די ליבע צו השם יתברך. ווען איר, קאַבאַליסטן, פּיצשצעט זיך פאַר דער שכינה, זעט איר אין איר אייער מוטער אָדער שוועסטער, אָדער פיליכט אייער געהיימע געליבטע.

מקובל: עס איז בעסער פאַר דיר, אשה, אַז דו זאָלסט מיך ניט דערצערענען, ווייל קיינער וועט דיך פון דאַנען ניט קענען אַרויסראַטעווען!

רבקה: כאַ, כאַ, כאַ! אַרויסראַטעווען! איך וויל זיך גאָרניט אַרויסראַטעווען. מיר אַמוזירט גאַנץ גוט אָט דער קאַץ-און-מויז-שפּיל.

מקובל: שפּיל! דו מאַכסט ליצנות פון מיינע פאַר-באָרגענע כחות! דו, וואָס דו ביזט מיין געפאַנגענע.

רבקה: כאַ, כאַ, כאַ! איך — דיין געפאַנגענע! כאַ, כאַ, כאַ. עס איז פּשוט ניטאָ ווער עס זאָל לאַכן פון דיר. דו, רבי, ביזט מיין געפאַנגענער, און דו האָסט נאָך גאַנץ הנאה פון דעם אויך.

מקובל: ס'איז אַ ליגן, דו סטרא אחרא. אָ, רבונו של עולם, הער זיך ניט צו צו איר. איך וועל באַלד זאָגן אַ שפּרוך און דו וועסט ווערן אַ באַרג אַש.

רבקה: אַנו, פּרוביר אָקאָרשט. כ'האָב נאָך קיינמאָל קיין לחש ניט געהערט זאָגן.

מקובל (נעמט אָן די ציצית מיט דער לינקער האַנט און פאַר-שטעלט זיין געזיכט מיט דער רעכטער האַנט): פּספּסים, יקטלים, טלים, טלים, שברירי, רי, רי, רי, רי.

רבקה: אַהאַ, דיין צונג פּלאָנטערט זיך שוין. עס וויל שוין מער דיר ניט דינען. ווו איז דיין כח, מקובל?

מקובל: למנצח — למנצח — למנצח! ניין, הייליקע אותיות ווילן ניט צוזאַמענקומען, ווייל דו, חוה, אייביקע חוה, שטייסט דערביי, און דער אָטעם פון דיין שיינעם פאַרפירע-רישן גוף פאַרטרייבט די כחות פון רוחניות. טומאה, פאַרשווינד פון מיין לעבן!

רבקה: אומגליקלעכער ישיבה-בחור! האָסטו דען ווען געפילט דעם טעם פון אַזאַ טומאה ווי איך בין? (זי דערנענטערט זיך צו אים. ער רוקט זיך אָפּ. זי לייגט אָבער דאָן אַרויף איר האַנט אויף זיין קאָפּ און ער לאָזט זי. גלעטן זיינע האָר, הגם זיין פּנים איז אָפּגעקערט פון איר.)

רבקה: אַזוינע שיינע זיידענע האָר! שיינער מקובל מיי־נער. אַזאַ קלוגער ליכטיקער שטערן — ליכטיקער פון אַלע פאַנטאַסטישע וועלטן, וואָס די קראַנקע פאַנטאַזיע פון מקובלים האָט אויסגעטראַכט. און (זי ברענגט זיין פנים צו זיך) אַזעלכע שטראַלנדע שיינע אויגן, אָנגעפילט מיט גרוילן און כעס, אָנ־שטאָט פרייד און ליבע! (זי נעמט זיינע פינגער און פירט אויף איר ברוסט און אַנטבלויזטן אָרעם.)

רבקה: נו, ווי געפעלט דיר עפעס דער טעם פון דער טומאה, פון חוהן?

מקובל (שפרינגט אָפּ): אָ, גאָטינקע! מיין האַנט איז געווען איינגעטונקט אין העלישן פייער פון יצר הרע! אָפּגע־האַקט זאָלן ווערן מיינע פינגער! אָפּגעדאַרט זאָל ווערן מיין האַנט. (נעמט מורמלען אין דער שטיל) יע, כ׳האָב שוין פאַרגעסן אַלע נעמען פון הקדוש ברוך הוא. אוי, וויי איז מיר! איך גיי גאָר אויף צוריק און ניט פאָרויס. און אויבן וואַרטן אויף מיר נשמות פון צדיקים, עלנטע און פאַרוואָגלטע, וועלכע איך דאַרף רייניקן און לייטערן מיט מיינע הייליקע ווערטער, אָדער צושיקן זיי אויף דער וועלט אין נייע גילגולים! רבונו של עולם, כ׳בין דאָך שוין געשטאַנען ביים 32־טן טויער פון חכמה און געהאַלטן אין אַריינגיין אין נודע בשערים בעלה, ווען מען קען שוין משיג זיין די עסענץ פון אדון העולמים! און איצט בין איך צוריקגעשליידערט געוואָרן. האָב רחמנות, רבונו של עולם, ברענג מיך צוריק נאָענט צו דיר. (ער צעחיינט זיך.)

רבקה: ניין, טייערער, דו האָסט ניט אַראָפּגענידערט, פאַרקערט, דו האָסט זיך דערהויבן. דו האָסט פאַרזוכט דעם געניוס פון דער וועלט, פאַר וועלכער דו ביזט באַשאַפן גע־וואָרן. ווי איך זע איצט, זיינען דיינע נערוון נאָך ניט אָפּגע־טויט געוואָרן און זיי פולסירן נאָך מיט מענטשלעכע געפילן. איך בין ניט געקומען צו שפעט, טייערער. איך בין געקומען אין דער ריכטיקער צייט. דו זעסט דאָך, טייערער, אַז דיין נשמה איז צוטיילט אויף צווייען, צווישן דער וועלט און יע־נער וועלט און אַז דיר געלינגט ניט אינגאַנצן זיך צו פאַר־

ליקענען, פון זיך אליין אויסבאהאלטן. (זי גייט צו צו אים, טוליעט זיין קאפ אויף איר ברוסט) מקובל מיינער, ליבער, טייערער, מיין הארץ גייט אויס צו דיר. דו ווילסט אלעמען אויס־ייזן, אלע נשמות גליקלעך מאכן, פארוואס האסטו ניט קיין ביסל גליק פאר מ י י ן נשמה? פארוואס האסטו ניט גענוג כח זיך אליין אויסצולייזן?

מ ק ו ב ל (לאזט אך ארא אויף די קני און נעמט היסטעריש קושן איר האנט).

ר ב ק ה: טייערער, דו האסט שוין גענוג יונגע יארן פארלוירן אין שטויב פון אלטע ביכער. קום, טייערער, קום ארויס פון דאנעט, פון די מתים מיט זייערע גילגולים, פון דעם שטיקענדן קעלער פול מיט שרעקן. קום, אויף יענער זייט וואנט דרימלען איצט די בערג פון גליל, די קוואלן מורמלען שטיל פון גליק און געניוס, און די פויגעלעך ליבן זיך אין זייערע נעסטן שנעבעלע צו שנעבעלע. (רבקה וויל צו־ לייגן אירע ליפן צו זיינע).

מ ק ו ב ל: אוי, רבונו של עולם, אלץ טיפער פאל איך היינט. (ער שפרינגט אפ פון איר.) אשה, דו ביזט א גילגול פון חוה און דלילה און איך בין א גילגול פון אדם הראשון און שמשון הגיבור. גיי אוועק פון מיר, אשה. איך בין א נזיר ביזן טאג פון מיין טויט. גיב מיר ניט די זינדיקע פרוכט פון עץ הדעת. דו מוזט מער ניט לעבן! דו טארסט מער ניט לעבן. (ערווארפט זיך אויף איר מיט ביידע הענט ארום האלז, ווי זי צו דערשטיקן, אבער זי לאזט זיך און פארוואגלט זיינע שטיקנדע הענט אין הענט פון אומארמונג.)

ר ב ק ה: אט אזוי, טייערער. אט אזוי נעמט מען ארום א געליבטע.

מ ק ו ב ל (רייסט זיך ארויס): ניין, ניט אזוי, דלילה. דו וועסט מיך ניט באזיגן. אוי, רבונו של עולם, אזוי פיל זינד אין איין שעה פון מיין לעבן; די פינסטערסטע שעה פון מיין לעבן. איך מוז מיינע זינד אויסקרענקען מיט די גרעסטע יסורים. (גיט א קלאפ מיטן פוס.)

פרוש: (גייט אריין מיט א לאנגער בייטש. רבקה ווערט דער־שראקן און שפרינגט אפ. א ווילדע הערשט אן אונטערדריקנדע שטימונג) וויפל?

מקובל: אכצן, בגמטריא חטא.

פרוש: וועמען? (ער קוקט אויף רבקהן.)

מקובל: (טראכט א ווײלע) מיך! (ער פאלט אויף דער ערד.)

פרוש (שמייסט): והוא

מקובל (קלאפט זיך אין ברוסט): אָשמתי!

פרוש (שמייסט): רחום

מקובל (קלאפט זיך אין ברוסט): בגדתי!

פרוש (שמייסט): יכפר

מקובל (קלאפט זיך אין ברוסט): גזלתי!

רבקה: האלט, דו ווילדע חיה! (צום מקובל) שטיי אויף, מיין שמשון הגיבור! שטיי אויף און קום צוריק צום לעבן!

מקובל (הויבט אויף זיין קאפ און נעמט קושן דעם ראנד פון איר קלייד): אָ, דלילה, טייערע!

פרוש (גיט א שמיץ מיט גרויס כעס): ולא!! (טייװלשער געלעכטער לאזט זיך הערן. דער מקובל קאָרטשעט זיך איין אין ווייטאג. רבקה ביט זיך א וואָרף אויפן פרוש, כאפט ארויס דעם קאנטשיק און נעמט שמייסן דעם פרוש.)

רבקה: ארויס, דו פינסטערער כח פון די פאַרבאָרגע־נע וועלטן. איך וויל צוריק מיין געליבטן, מיין טייערן. גיי, גיי, גיי צוריק צו די שאָטנס, צו פינסטערניש, צו גרוילן, צו מתים, צו רוחות — (דער פרוש שפרייזט צוריק ביסלעכווייז, און זי גיט א לויף צום אויסגעשפרייטן מקובל, זי הויבט אים אויף.) קום, מיין שמשון הגיבור, איך האָב צושלאָגן דיינע פלישתים. קום, נעם מיך, איך געהער צו דיר, איך צו דיר. אני לדודי ודודי לי. (זיי נעמען זיך ארום און פארגייען אין א קוש).

(דער פאָרהאנג פאלט)

(ענדע פון דריטן און לעצטן אקט)

דער נסתר

דראמע אין איין אקט

פערזאנען:

נסתר
דיין
מיידל, דיינס טאָכטער
בעל תפילה
שמש
אַלטיטשקער
יתומל
ערשטער ייד
צווייטער ייד
דריטער ייד
קאליקע אין וועגעלע
הינקעדיקער
שאָקלדיקער
בלינדער
נשרף
ווייבל מיט עופעלע
מתפללים
שנארער
ווייבער.

פּלאַץ: גאונס קלויז, ווילנע.

צייט: אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט.

לינקס — מזרח־וואַנט: אָרון־קודש, נר־תּמיד, עמוד. רעכטס — מערב־וואַנט: טיר, כּיור, האַנטוך. איבער דער טיר — אַ מאַרמאָרשטיין מיט אַ קוים־לעזבאַרער אויסקריצונג. אין מיטן — בּימה. אויף יענער זייט בּימה — וואַנט־זייגער, יאָרצייט און חברות־ליסטן, ספרים־אַלמערס. איבער דער בּימה — פענסטערלעך פון דער ווייבערשער שול.

*

ווען דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, דאַוונט מען מעריב. אַ מנין פון באַלעבאַטים און בטלנים איז צעשפּרייט איבערן קלויז. ביי דער לינקער זייט פון אָרון־קודש שטייט דער דיין. ביים עמוד שטייט אַ בעל תּפילה. אויף דער בּימה, ביים שולחן, שטייט דער שמש.

•

פון די פענסטערלעך פון דער ווייבערשער שול קוקן אַרויס עטלעכע ווייבער. צווישן דער טיר און דער בּימה זיצט און שטייט אַ כּאַליאַסטרע שנאָרער: איינער, מיט אָפּגעליימטע פיס, אין אַ וועגעלע, אַ צווייטער שאָקלט מיט קאָפּ אין האַנט. אַ דריטער מיט גרויסע בלויע ברילן, טראָגט אַ שילד: „בלינד“. אויף דער ערד זיצט אַ יונג ווייבל און האַלט אַן עופעלע איינגעוויקלט

אין שמאטעס. בײַ א שטענדער שטײט א פינפטער און האלט אן אָפענעם ספר. פון ספר, איבערן שטענדער, הענגט א שילד: „נשרף". און נאָך: קרומע, לאַטע, גאָווערער, עגונות א. א. וו.

*

בעל תפילה (פאַרענדיקט קדיש): לעילא מן כל ברכתא ושירתא, תשבחתא ונחמתא, דאמירן בעלמא, ואמרו אמן.

קהל: אמן.

שמש (גיט א קלאַפּ אויפן שולחן): יעלה ויבא!

עופעלע (צעחײנט זיך).

שנאָרערקע (מיט כעס): טפו זאָל ער ווערן מיט זײַן קלאַפּן. אַ ע בייזע חלומות אויף זײַן קאָפּ. שיעור ניט אי־בערגעשראָקן מײַן פויגעלע אויף טויט, אז אפגעדארט ווערן זאָל עס זײַן לאַפּע, רבונו של עולם, טפו!

בלינדע: פאַרמאַך דײַן לאָקאָמאָטיוו, דו ווילדע בריאה. דו לאָזט דאָך קײנעם א וואָרט ניט נעמען אין מויל.

שנאָרערקע: דו בלינדער פערד, הלוואי בּרעכסטו שוין אויס א פּוס, און ווערסט שטום, וואָלט דײַן מאַמע פון דיר נחת געהאַט.

שמש (גיט א זעץ אין שולחן. מתפללים גײען אַרײַן אין דער שטימונג פון שמונה־עשרה. גײען הינטערווײַלעכס דרײַ טריט, און שפּרײַזן צוריק צו זײער פּלאַץ, ווו זײ בלײַבן שטײן, מיט נאָענט צוזאַמענגעשטעלטע פיס. אײניקע שטײען פאַרגליווערט ווי סטאַטועס, מיט פאַרמאַכטע אויגן, הענט געשלאָסן און אויפן הארצן. אנדערע זײַנען אָנגעלענט אויף די שטענ־דערס. מאַנכע האַלטן סידורים און פירן זאָרגפעלטיק מיט די פינגער אויף די בלעטער. אנדערע שאָקלען זיך קאָנוולסיוו פון רעכטס צו לינקס, אָדער פון פאָרנט צו הינטן. מאַנכע שטרעקן אויס די הענט צו דער סטעליע און גלאָצן מיט די אויגן. עס הערן זיך פון צײַט צו צײַט אײנצלנע ווערטער, זיפצן, ווי:)

אָי, טאַטינקע, מכלכל חיים בחסד.
ראה נא בעניננו, רבונו של עולם.
תקע, תקע, אָי, תקע בשופר גדול.

(די הערשנרע שטימונג איז אבער שטילקייט. די קאליקעס, אומבאהעגלעך אויף זייערע פלעצער, דאווגען ניט. מוטער שאקלט אונטער פון צייט צו צייט דאס קינד. אויף איינעם פון די שטענדערס ליגט עפעס אזוי ווי אן אלטער מאנטל. ווען די שטילקייט פון שמונה-עשרה צעשפרייט זיך, גיט זיך דער אלטער מאנטל מיט א מאל א באוועג: עס באווייזט זיך א קאפ פון א מענטשן איבער א ספר: דער נסתר. ער שטעלט זיך אוועק מיט א שפרונג. זיין פנים איז צעשטראלט, זיינע אויגן גלאנצן מיט זעאונגען וועלכע זיינען בלויז אין מחשבה. ער גיט א טראסק מיטן פויסט אויפן שטענדער. קיינער אויסער דער שמש און די שנארער באגרייפן ניט דעם קלאפ.)

נסתר (מיט א ניגון): זאגט דער הייליקער זוהר: אין עצבות לפני המקום — ניטא קיין אומעטיקייט פארן רבונו של עולם.

שמש (קערט אפ דעם קאפ מיט פארחונדערונג און כעס. גיט ביין א קלאפ אויפן שולחן. די מתפללים הערן דעם קלאפ אויך ניט.)

נסתר (מיט א ניגון): ועל דא כתיב: עבדו את ה' בשמחה. דינט דעם רבונו של עולם מיט פרייד. (פויזע) דער דבור איז נאר א כלי פאר דער מחשבה, און א דבור אן התפשטות הגשמיות איז בבחינת שבירת כלים. דערגרייכט ער אבער די מדרגה פון בטול היש, דאן שטראלט ארויס די ליכטיקייט פון אינעווייניק. די גרויסע וועלט ווערט אנגעפילט מיט ליכט. (אזוי ווי א סוד, שטילער) אלע עולמות, אלע ש"י עולמות, אלע אלף אלפי עולמות, זיינען דאך אינעווייניק, אין מחשבה פון מענטשן. (גיט צו די קאליקעס, ראמט איין א סוד) חדוה דבר נש משיך לגביה חדוה אחרא, עלאה. פרייט זיך דא א מענטש אונטן, אין עולם השפל, דאן ווערט אויך דארט אויבן, אין די הימלען, פריילעך, און די שמחה פון הימל שטראלט אראפ אויף אים, גיסט זיך צוזאמען מיט זיין פרייד. (הויך) אי, אי, אי-אי-אי, חדוה, חדוה דבר נש! (פיל מאל.) (שלעפט די שנארער און קאליקעס אין א טענצל ארום בימה. ציט אויך אריין עטלעכע פארטיפטע מתפללים, וועלכע פילן ניט, אז זיי ווערן געשלעפט. ווען אין טאנץ ארום בימה דערגרייכט ער זיין שטענדער, גייט ער צוריק צו זיין ספר, לאזט אראפ זיין קאפ, און ווערט ווידער פארוואנדלט אין אן אלטן מאנטל אויפן שטענ-

דער. די שנאָרער גייען צוריק צו זייערע פּלעצער, ברומענדיק מיט רוגזה. די פּאָרטיפּטע מתפּללים, וועלכע זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן אין טאַנץ, ענדיקן אומבאַוווסטזיניק זייער תּפילה, און באַמערקנדיק נאָכדעם, אַז זיי געפינען זיך אויף אומבאַקאַנטע פּלעצער, גייען זיי צוריק צו זייערע שטענדערס מיט דערשטוינונג. ווען דער דיין, דער לעצטער, גייט אויס שמונה-עשרה, גיט דער שמש אַ קלאַפּ אין שטענדער, און דער בעל-תפילה זאָגט קדיש. מתפּללים זאָגן „עלינו".)

אַלטיטשקער און יתומל (זאָגןביידע קדיש יתום. דער אַלטיטשקער מיט אַ באַסאַווער שטימע זאָגט פריער, און אַ קליין ייִנגעלע זאָגט אים נאָך מיט אַ קוויטשעדיק קולכל. זיי זאָגן וואָרט ביי וואָרט.)

נסתּר (רייסט איבער, ווען אַלטער און יתום האַלטן ביי „יהא שלמא רבא"): אוי, רבונו של עולם, ווען וועט קומען דער אמתער שלום, ווען די זוהמא פון שלאַנג אין חוהס געדערים וועט פאַרטריבן ווערן און דער פאַרשאָלטענער טויט וועט שוין מער ניט אַוועקנעמען טאַטעס פון קליינע קינדערלעך!

אַלטער און יתומל („גייען אויס"): עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן.

מתפּללים: אמן. (די תּפילה פון מעריב איז געענדיקט. די מתפּללים צעטיילן זיך אין רעדלעך און שמועסן.)

ערשטער ייִד (ווייזט אויפן נסתּר): דער אורח הויבט גאָר ניט אָן צו דאַווענען.

צווייטער ייִד: נאָר דאַווענען? ער נעמט אפילו אַ גמרא אויך אין האַנט ניט אַריין.

דריטער ייִד: ער האַלט ניט פון נגלה. ער איז פאַרזונקען אין נסתּר. האַלט אין איין שלינגען קבלה-ספרים. (בסוד) מען זאָגט, אַז ער קען דעם זוהר אויף אויסנווייניק.

צווייטער ייִד (בסוד): יענער קאַליקע האָט מיר געזאָגט, אַז ווען דער אורח האָט אַמאָל פאַרקאַשערט זיין אַרבל, ביינאַכט, אין דער פינסטער, האָט דער גאַנצער בית-מדרש זיך באַלויכטן. זיין גאַנצער גוף איז באַשריבן מיט הייליקע שמות.

דריטער ייִד: אַ סברא, אַז ער האָט דעם שם

תמפורש פון צוויי-און-זיבעציק ווערטער אויסגעקריצט אויף זיין ברוסט.

ע ר ש ט ע ר י י ד: ווי רופט מען אים?

ד ר י ט ע ר י י ד: קיינער ווייס ניט. ער זאָגט קיינעם ניט אויס.

ע ר ש ט ע ר י י ד: וואָס הייסט? און אַז מען גיט אים אַן עליה צו דער תורה?

ד ר י ט ע ר י י ד: גייט ער ניט. ער זאָגט, אַז אונזערע ספרי-תורה זיינען פסול, אַז דער סופר — און ער ווייסט עס ממש בחוש — האָט ניט מכוון געווען די ריכטיקע כוונות, שרייבנדיק דעם שם הויה, און אַז אונזערע תגין אויף די אותיות זיינען ניט לויטן נוסח פון אר"י הקדוש.

ע ר ש ט ע ר י י ד: נו, און ווי איז ער זיך נוהג בכלל?

צ ו ו י י ט ע ר י י ד: ווי אַ קדוש. האַלט אין איין פאַסטן תעניתים און שלאָפט ניט נעכט. אַ קליייניקייט זיין התמדה. מאַכט ניט צו מיט אַן אויג. (בסוד) מיר האָט יענער קאַליקע געזאָגט, אַז צו חצות שטייט ער אויף, נעמט אָט-דעם האַנטוך, פאַרדרייט אים האַרט, און קאַטעוועט זיך ביז בלוט. מיט דעם וויל ער אַזוי אָפּשוואַכן זיין גשם, אַז ער זאָל ווערן כמעט לויטער רוחניות אין אַ לייכטן שיידל פון גשם. און מיט דעם האָפט ער צו דערגרייכן בטול היש.

ע ר ש ט ע ר י י ד: אָבער די גמרא זאָגט דאָך בפירוש אין תענית, אַז אַ תלמיד חכם טאָר ניט מאַטערן זיין קערפּער מיט תעניתים, ווייל דורך דעם וועט ער ווערן צו שוואַך זיך עוסק צו זיין אין מלאכת שמים?

ד ר י ט ע ר י י ד: האָב איך דאָך אייך געזאָגט. ער האַלט ניט פון נגלה. ער האָט זיך זיינע טעמים.

ע ר ש ט ע ר י י ד: און פון וואַנען קומט ער אַהער?

ד ר י ט ע ר י י ד: מען זאָגט אַז פון ארץ ישראל.

ע ר ש ט ע ר י י ד: מהתם להכא? ווי נידערט עס אַ ייד אַראָפּ פון הייליקן לאַנד קיין חוץ לארץ, פון קדושה אין טומאה?

ד ר י ט ע ר י י ד: מען זאָגט, אַז ער האָט אַראָפּגעגני־דערט פון ארץ ישראל אום מתקן צו זיין די טומאה פון חוץ לארץ, פון ארץ העמים, און מאַכן די גאַנצע וועלט פאַר ארץ הקודש.

ע ר ש ט ע ר י י ד: און וואָס איז מכּח תּרומה ומעשר? וועט חוץ לארץ מחויב ווערן זיי צו געבן?

ד ר י ט ע ר י י ד: ווער ווייס! ווער ווייס! אַ ייד אַ נסתּר, (שטילער) און אפשר טאַקע אַ למד־וואָווניק. אַ קליי־ניקייט דער כּח פון די צירופי אותיות! די גאַנצע וועלט איז באַ־שאַפן געוואָרן דורך אותיות, און מיט דעם כּח פון אותיות קען מען זי אי ענדערן, אי חרוב מאַכן.

צ ו ו י י ט ע ר י י ד (צום דריטן ייד): כ'האָב מורא, אַז מיט דיר אַליין איז עפּעס ניט גלאַט, אַז דו ביזט מיר אויך עפּעס געכאַפּט אין קבּלה קענסט נאָך חלילה אַ חסיד ווערן. און דו ווייסט דאָך וואָס מ'טוט ביי אונז אין גאַונס שול מיט אַ מתנגד ווען ער גייט אַראָפּ פון דרך הישר און ווערט אַ חסיד. אַי טשאַכטשעט מען אַריין!

ד ר י ט ע ר י י ד: אַזוי ווייט האַלט עס נאָך ניט. (די דריי יידן לאָזן זיך גיין צום טיר. זיי קומען צו צו דער שנאָרערקע. דריטער ייד ווענדט זיך צו דער שנאָרערקע) אשה, וואָס איז די מעשה וואָס דיין קינד איז פּלוצים אַנטשוויגן געוואָרן צו מעריב? מיר האָבן דאָך צוליב זיינע פּישצערייען קיין מנחה ניט גע־קענט דאַווענען?

ש נ אָ ר ע ר ק ע (ווייזט אויפן נסתּר): אַט יענער אורח האָט אויף דעם קעפּעלע פון מיין קינד זיין דאַרע, גליענדע האַנט אַרויפגעלייגט, און מיין קראַנק, הונגעריק קינד איז אַנטשוויגן געוואָרן.

ה י נ ק ע ד י ק ע ר: און מיר האָט ער נעכטן מיין הינ־קעדיקן פוס אָנגערירט, און איך האָב געפילט אַזוי ווי צו נעמען גיין ווי אַ געזונטער מענטש.

ש נ אָ ר ע ר מ י ט צ י ט ע ר ד י ק ע ר ה אַ נ ט: אַנומלטן גייט ער צו צו מיר און זאָגט צו מיר: „שלום עליכם". אַזוי

ווי מיין רעכטע האַנט איז דאָך אָפּגעלײמט, האָב איך אים אויסגעשטרעקט מיין לינקע. גיט ער אויף מיר אַ געשריי: „דיין רעכטע גיב אַהער!"

אַלע: נו?

שנאָרער מיט ציטערדיקער האַנט: און איך האָב זי אים געגעבן.

אַלע (איבעררעשט): געגעבן!

קאַליקע אין וועגעלע: ווען ער גיט אויף מיר אַ קוק מיט זיינע אויגן, פיל איך אַז עפּעס אַ מאָדנע קראַפט הויבט מיך פון מיין וועגעלע, צו גיין מיט אַלע מענטשן גלייך.

שנאָרערקע (צום קאַליקע אין וועגעלע): דו בורילע, דאַרפסט ניט וואַרטן אויף קיין נסים. האָסט סיי ווי סיי צוויי געזונטע פיס. דו באַרסט נאָר אָפּ די גוטהאַרציקע מענטשן, און נעמסט צו אונזער פּרנסה.

קאַליקע אין וועגעלע: שווייג, דו אויסוווּרף מיטן ממזר! דו גיי שלעפּ אַרויס דיינע דריי ממזרים פון דער עקעטע. ווער איז דער טאַטע פון דיין קליין חזירל, אַהאַ? הלוואי זאָלסטו שוין אַזוי קענען מאַכן מיט דיינע אַלע גלי.. דער ווי איך קען מיט מיינע אָפּגעדאַרטע פיס. (וואַרפט זיך אויף איר).

בלינדער: שאַ, שאַ, באַרואיקט זיך. ווילנע האָט גענוג מאַגעגעס אייך אַלעמען אָנצוקאָרמענען. איר מעגט פון מיינעט וועגן ביידע איינגעמען אַ מיתה משונה אין אַ לבנה-נאַכט. און אַלץ צוליב יענעם אורח. (ווייזט אויפן נסתר.) אוי, כאַפּט אים דער וואַטנמאַכער. ער קען נאָך חס ושלום אונז אַלעמען מאַכן געזונט, אויס קאַליקעס.

שנאָרערקע (מיט אַ געוויין): און מיר וועלן בלייבן אָן פּרנסה. (מתפללים גיבן אַ מאַך מיט די הענט אויף די שנאָרער, און גייען אַרויס, קושנדיק די מזוזה. נאָך זיי גייען אויך אַרויס די קאַליקעס, אויסער דעם קאַליקע אין וועגעלע. עס בלייבן אויך דער נסתר אויף זיין שטענדער, און דער דיין, נעבן אָרון קודש, פאַרטיפט אין ספר ביי אַ ליכט.

דער שמש לעשט אויס די לאמפן. ער לאזט איבער בלויז דעם נר-תמיד און א פאר יארצייט-ליכט און גייט אוועק. עס ווערט טונקל).

נ ס ת ר (שטייט אויף זיין פלאץ און שפרייזט ארום א ווײלע מורמלענדיק עפעס צו זיך און ניט באמערקנדיק קיין זאך ארום. מיטאמאל גיט א בליץ אין בית מדרש, פון איבערן ארון קודש, א זייער שטארקע ליכטיקייט, וועלכע ווערט אבער גלייך פארשוואונדן. דער אויפבליץ וועלכער ווערט ניט באמערקט פון דיין און קעגן וועלכן דער שנארער פארטיידיקט זיך מיט די הענט ווי פון א האגל, וועקט אויף דעם נסתר צום באגרייפן זיין סביבה, און ער לויפט צו צום קאליקע מיט א ניגון): שטיי אויף, דו פוילענצער, עפן אויף ברייט דיינע אויגן! איך וועל אויפ-הויבן דעם פאַרהאַנג. איך וועל באפוילן דער שטומקייט זי זאָל ריידן מיט ווערטער. איך וועל פאר דיר אנטפלעקן, אנט-פלעקן דעם קץ.

ק א ל י ק ע (מיט גרויל): דער קץ?! (רייסט זיך צום טיר אויף זיין וועגעלע) לאָזט מיך אָפּ, אורח. איך האָב מורא, איך ציטער ממש פאר אזוינע הייליקע סודות. מיינע השגות זיינען קליין, אורח. ווי קומען מיינע אויערן צו באַנעמען אזעלכע זאכן? מען טאָר ניט. אסור זאָל מיר זיין.

נ ס ת ר (נעמט ארום דעם קאפּ פון קאליקע, קוקט אים אריין גלייך אין זיינע צעשראָקענע אויגן און שרייט אויס היסטעריש): איך וועל דיר אנטפלעקן דעם סוד פון אלע סודות, דעם סוד פון אָנפאנג און דעם סוד פון סוף. ווייל אין דיין גוף לעבט די נשמה פון א קדוש, איש אלהים. דיינע אויגן דערציילן מיר, אז דו ביזט א גילגול פון רבי שמעון בן יוחאי!

ק אַ ל י ק ע (רייסט זיך ארויס פון אים): טפו זאָל עס ווערן! א גילגול גאָר?

נ ס ת ר: א גילגול פון הייליקן תנא, דער זוהר הרקיע, רבי שמעון בן יוחאי. און דיר וועט באשערט זיין צו זיין דער שליח פון משיח.

ק א ל י ק ע: משיח! אוי ווי איז מיר.

נ ס ת ר: דו וועסט העלפן לייטערן זיין נשמה און קעמפן זיינע מלחמות מיט קליפות, מיט דער סטרא אחרא.

קאַליקע: איך, אַ קאַליקע מיט געליימטע פיס, וועל פירן די מלחמות פון משיח!

נסתר: ווייל גאָט האָט נאָר פאַרשלעפּערט דעם כּח פון דיינע פיס, כּדי זיי זאָלן דיך ווייט ניט פאַרטראָגן און דו זאָלסט זיין אויפן פּלאַץ, דאָ אין ווילנער גאונס שול, ווען דער דערלייזער וועט קומען אַהער.

קאַליקע: פאַרשלעפּערט. אדרבא, ר׳ אורח, פּרוּווט זיי אויפוועקן. איר קענט מיינע פיס ניט דערמינטערן. זיי דרימלען שוין זייט צוואַנציק יאָר אין בוועם פון טויט.

נסתר: און אויך טויטע וועט דער דערלייזער אויפוועקן. ער דאַרף נאָר לייטערן זיין גוף מיט סיגופים, און זיין נשמה מיט צירופים. כּדי ער זאָל דערגרייכן צו דער מדרגה פון חנוך און פון אליהו, ביז דער דרגא פון לפּיד אש. דער הייליקער רבי שמעון בן יוחאי האָט אויסגעקליבן דיין גוף פאַר זיין נעסט. דו ביזט דער קנויט פון זיין פלאַם. דער עמער פאַר זיין ברונעם. די שאָלעכץ פון דיין גוף און נפש איז אָבער צו האַרט, צו דיק אום דאָס ליכט פון תנאס נשמה זאָל פון זיי קענען אַרויסלויכטן, אַרויסשטראַלן. קום, קום, שפּלער גוף, קום טייערער נפש, עפנט זיך, צעפּראַלט זיך, צעפּראַלט זיך, בלייבט שטיל: זאָל זיך הערן דער קול דממה דקה פון דיין הייליקן באַהאַלטענעם שכן. עורי, עורי, שיר דברי, כי כבוד ה׳ עליך נגלה!

קאַליקע (מאַכט לעצטן אָנשטרענג צו דערנענטערן זיך צום טיר, אָבער עס איז געגוג, אַז דער נסתר זאָל אים רופן צו זיך מיט אַ פינגער, אַז דאָס וועגעלע זאָל זיך באַוועגן אַליין, קעגן רצון, און אָן דער הילף פון קאַליקע, און נאָכגיין דעם מקובל, וועלכער שפּרייזט הינטערוויילעכס.)

מיידל (עפנט אומבאַמערקט די טיר און גייט אַריין. גייט צו פאַרזיכטיק צום פּלאַץ פון נסתר און נעמט אַרויס, פון אונטער איר פאַטשיילע, אַ טעפּעלע צוגעדעקט מיט אַ טעלער, און אין טעלער אַ לעפל און ברויט. ווען זי לאָזט זיך גיין צום דיין, ברעכט דער נסתר פּלוצים אויס מיט זיין זינגעדיקן געשפּרעך און זי באַהאַלט זיך אין אַ באַשאָטנטן ווינקל, אויס נייגעריקייט.)

נ ס ת ר (מיט א ניגון): קום, די ליימענע כּלי פון דער גאָלדענער נשמה, און איך וועל דיך אַריינפירן אין קודש הקדשים, אין היכל, און איך וועל פאַר דיר אַנטפּלעקן די רזי דרזין. ווען הקדוש ברוך הוא, דער עילת כל העילות, האָט באַשלאָסן צו באַשאַפן די וועלט, האָט ער געוווסט, אַז ער, געבענטשט זאָל ער זיין, איז דורכאויס גייסטיקייט, דורכאויס אייביקייט, דורכאויס ריינלעכקייט, העכער פון דאָס העכסטע, ערשטער פון די ערשטע, און לעצטער פון די לעצטע. טאָ ווי אַזוי קען ער, ברוך שמו, קומען אין באַריר מיט אַ וועלט פון קערפּערלעכקייט, וואָס בייט זיך, אַ וועלט וואָס ווערט פאַר-ניכטעט, אַ וועלט וואָס האָט אַן אָנהויב און האָט אַ סוף, אַ וועלט וואָס איז באַשרענקט אין גרענעצן און פאָרמען? דערום האָט דער רבונו של עולם, דער קוואַל פון אייניקייט, דער איינפאַכסטער פון די איינפאַכסטע, דער פאָלקאָמענסטער פון די פאָלקאָמענסטע, באַשאַפן די וועלט, די גרויסע וועלט, די מאַטעריעלע וועלט, בעשרה מאמרות, דורך צען וונדער-ווער-טער, דורך צען וונדער-ספירות. (עס דערהערן זיך ווילדע שורשע-רייען ווי פון פאַלנדע וואַסער-שטראָמען און קנאַלנדיקע פייער-פלאַמען. אַ ין אָפּקלאַנג פון אַ ווייטער זיווג, וועלכע גאַלאָפּירט איבער ווסטע און ברייטע פעלדער. עס באַווייזט זיך אַ פלאַקערנדיקער פייער אויפן פּרוכת.)

קאַליקע: רבי, ר״בי, האָט רחמנות, לאָזט מיך אָפּ. ווי קום איך צו די געפערלעכע סודות?

נ ס ת ר (שפרינגט אַרויף אויף דער בימה און רעדט, פון אויבן אַראָפּ, צום קאַליקע, ווייזנדיק אויפן פּרוכת): אָט דער גרויסער פייער, וואָס האָט קיין אָנהויב און קיין סוף, וואָס פאַרניכטעט אַלץ וואָס שטייט נאָענט צו אים — איז דער רבונו של עולם, דער עתיקא דעתיקין, דער אין-סוף. דערום האָט דער רבונו של עולם אַרויסגעגעבן פון זיך אַ כח, וואָס איז געווען צאַרט און איידל, כּמעט דורכאויס גייסטיקייט, דאָס ערשטע פינטעלע, די ערשטע ספירה, כתר, די קרוין פון אדם עלאה. (דער פלאַם ווערט אַ פינטעלע.)

קאַליקע (נעמט זיך הויבן פון זיין וועגעלע): יע, איך

זע, דאָס איז דאָס ערשטע פֿינטעלע פֿון באַשאַף, דער א-ה-י-ה!

נ ס ת ר: ר׳ שמעון בן יוחאי, דיין נשמה נעמט זיך אַרויסוויקלען פֿון איר שאָלעכץ!

ק אַ ל י ק ע: אַ:ן, גאָרנישט, ווייל מען קען עס ניט משיג זיין.

נ ס ת ר: און פֿון דעם פֿינטעלע, דורך פֿאַרבאָרגענע צנורות, איז אַרויסגעקוואָלן אַ צווייטע ספֿירה — חכמה. (אַ רינג רינגלט אַרום דאָס פֿינטעלע).

ק אַ ל י ק ע (הויבט זיך העכער): יע, איך זע די צווייטע ספֿירה: חכמה, די אופֿנים פֿון דער מרכּבֿה. איך זע די צוויי און דרייסיק וועגן פֿון חכמה. טאַטע-חכמה!

נ ס ת ר: פֿון חכמה איז אַרויסגעקוואָלן די דריטע ספֿירה — בינה. (נייער רינג.)

ק אַ ל י ק ע (הויבט זיך העכער): מוטער-בינה. דער שם-הויה, די אראלים, עולם הבא. (עס נעמען שימערן טויערן איבער די רינגען.) איך זע די פֿופֿציק טויערן פֿון בינה.

נ ס ת ר (אין עקסטאַז): און פֿון טאַטע-חכמה און מאַמע-בינה איז געבאָרן געוואָרן די פֿערטע ספֿירה — חסד. (אַ נייער רינג אויפֿן פּרוכת.) בן אָדם, שטעל זיך אַוועק, און איך וועל צו דיר ריידן!

ק אַ ל י ק ע (שטעלט זיך אַוועק אויפֿן וועגעלע): חסד וואָס איז גדולה און באַוועגט די חשמלים.

נ ס ת ר (לויפֿט אַראָפּ פֿון בימה): והנה קמה אלומתי וגם נצבה. (שושקעט) פֿון חסד איז אַרויס די פֿינפֿטע ספֿירה — גבֿורה. (אַ נייער רינג.)

ק אַ ל י ק ע: גבֿורה וואָס איז אי דין אי פּחד. דער כּח פֿון די שׂרפֿים.

נ ס ת ר: און פֿון דער פֿינפֿטער ספֿירה האָט אַרויסגע-שטראַלט תּפֿארת.

ק אַ ל י ק ע: תּפֿארת, אָלקים, שנאַנים!

נ ס ת ר: און פון תפארת די זיבעטע ספירה — נצח, אייביקייט. (נייער רינג.)

ק אַ ל י ק ע: נצח, הויה-צבאות, וואָס וואַרפט זיין אימה אויף די תרשישים.

נ ס ת ר: און דאַן די אַכטע ספירה — הוד.

ק אַ ל י ק ע: הוד, אלקים צבאות, די בני אלקים.

נ ס ת ר: אייביקייטן זיינען פאַריבער, ביז וואַנען עס איז געקומען די ניינטע ספירה — יסוד.

ק אַ ל י ק ע: יסוד, אל חי.

נ ס ת ר: און דאַן, און דאַן איז געקומען מיטן כח פון רבונו של עולם, דער אין-סוף, די צענטע און לעצטע ספירה — מלכות.

ק אַ ל י ק ע: מלכות, מיט וועלכער כרובים שוועבן.

נ ס ת ר: און די אַלע צען ספירות זיינען די ערשטע וועלט, דער עולם האצילות. עס זיינען דאָ נאָך דריי וועלטן.

ק אַ ל י ק ע: און ווי אַזוי, דורך וואַנעט, דורך וועלכע וועגן, דורך וועלכע שטעגן גייט דער כח פון ספירה צו ספירה, פון וועלט צו וועלט?

נ ס ת ר: מיין קינד, דאָס איז אַ גרויס געהיימניש, אַזאַ געהיימניש ווי די ספירות זעלבסט. נאָר קום און איך וועל דיר דערציילן. (ער נעמט דעם קאַליקע געאָרעמט און שפּרייזט מיט אים פּאַרטיפט אין װענד פון מיידלס באַהעלטעניש.) זיי וויסן, מיין קינד, אַז יעדע ספירה האָט אַ וואָרצל אַזוי ווי אַ בוים. דער בוים זויגט זיין חיונה פון דער ערד דורך די וואָרצלען.

ק אַ ל י ק ע: ווי אַזוי טראָגן זיך די כחות פון וואָרצל צו דער ספירה? (דעם מיידלס צעשראָקן אָבער פאַרליבט געזיכט באַווייזט זיך צום מקובל.)

נ ס ת ר (דערזעט מיידל, װערט אַביסל צעמישט): מיטן כח פון ליבע — עס בענקט דער וואָרצל נאָכן בוים, און דער בוים נאָכן וואָרצל.

ק אַ ל י ק ע (װעלכער באַמערקט ניט דאָס מיידל): און ווי אַזוי

טראָגן זיך די כחות פון ספירה צו ספירה, און פון וועלט צו וועלט?

נסתר: דורך די צינורות, אַזוי ווי אַ קוואַל שיקט זיינע וואַסערן דורך טיפע רינעס אין דער ערד.

קאַליקע: און ווי אַזוי רינט דאָס וואַסער אין דעם מויל פון קוואַל?

נסתר: מיט דעם כח פון בענקשאַפט — ווייל דאָס מויל פון קוואַל בענקט נאָכן וואַסער, און דאָס וואַסער גייט אויס זיך צוריקצוגיסן אין מויל פון קוואַל. (דאָס מיידל מאַכט אַ באַוועג מיט די הענט, ווי זי וואָלט זיך ווענדן צום מקובל, אָבער דער מקובל ווערט ווידער אַריינגעצויגן אין עקסטאַז פון קבלה-לערע.)

נסתר: און איצט וועגן די פיר וועלטן.

קאַליקע: די ערשטע וועלט איז דער עולם האצילות, די וועלט פון די צען ספירות.

נסתר: און די צווייטע וועלט איז דער עולם הבריאה, וווּ עס שטייט דער טראָן פון רבונו של עולם, און וווּ מטטרון-שדי הערשט.

קאַליקע: אוי, מטטרון, מטטרון-חנוך.

נסתר: און אונטער דער וועלט פון בריאה קומט די וועלט פון יצירה, מיט די צען כתות מלאכים.

קאַליקע: מיט די צען כתות מלאכים.

נסתר: און נאָכן עולם היצירה קומט די פשוטע וועלט, די פערטע וועלט, די לעצטע וועלט, אונזער וועלט, די דאָזיקע וועלט, דער עולם העשיה פון סמאלן מיט די קליפות.

קאַליקע: אונזער נידעריקע וועלט, דער עולם העשיה, און וואָס וועט זיין ווייטער? וועט אַ פינפטע וועלט קומען?

נסתר: מיין קינד, דאָס איז אַ גרוילנדיקער סוד. נאָר קום, און איך וועל דיר עס אַנטפּלעקן. (מקובל גייט מיט אים צוריק אין דעם הענד פון מיידל.) עס וועט קיין פינפטע וועלט ניט זיין, ווייל נידעריקער און גשמיותדיקער פון אונזער וועלט איז ניטאָ. אַזוי ווי אַלץ קומט דאָך פון השם יתברך, פון אין-סוף— גאַרט יעדע זאַך, פון אַלע וועלטן און פון אַלע ספירות גיין

צוריק צו זיין קוואַל. די טמאדיקע וועלט פון עשיה וועט צוריק גיין צו דער וועלט פון יצירה, און זיי ביידע צו דער בריאה-וועלט. די אַלע דריי וועלטן וועלן זיך צוריק הויבן צו דער אצילות-וועלט, און דאָרט וועלן זיי שוועבן העכער, העכער, פון ספירה צו ספירה, ביז וואַנען זיי וועלן דערגרייכן די נקודה ראשונה, דאָס ערשטע פינטעלע, און פאַרשלונגען ווערן אין עילת כל העילות, אין גרויסן פלאַם, אין השם יתברך. און ווידער וועט די גאַנצע עקזיסטענץ זיין פול בלויז מיט גאָט, מיט זיין „יש", אַ לויטערע וועלט פון רוחניות.

ק אַ ל י ק ע: און די קליפות? די סטרא אחרא? ווי אַזוי וועלן זיי פאַרשווינדן?

נ ס ת ר: יע, מיין קינד, אַפילו סמאל וועט זיך אויסלייטערן און דורכגיין אַלע טויערן אויף צ ו ר י ק, דורך אַלע וועלטן און ספירות, העכער, העכער.

ק אַ ל י ק ע: און ווען וועט עס זיין? ווען וועט זיך אָנהויבן דער סוף פון דער וועלט? מיין נשמה לעכצט שוין זיך ווידער צו באַהעפטן מיטן בורא!

נ ס ת ר (ווינקט צו איר): קום נאָר אַהער! (פירט איר צו צו אַ ווייטן ווינקל. אויפן ווענט פאַלט איין אַ שטענדער. דער רב הויבט אויף זיין קאָפּ פון איבערן שטענדער און קוקט אַ פאַרווונדערטער. ער באַמערקט דעם נסתר און קאַליקע, נעמט זיך אַ לאָז טאָן צו זיי פון מזרח.)
זיי וויסן, אַז עס האָט זיך שוין לאַנג אָנגעהויבן. אַלץ לייטערט זיך, אַלץ גייסטיקט זיך, אַלץ באַוועגט זיך צוריק צום ריינעם קוואַל. טאָמער האָט זיך אַ מענטשלעכע נשמה פאַרשמוצט אויף אונזער טמאדיקער וועלט, און איז ניט גענוג ריין צו גערן אַרויף, צוריק צו איר קוואַל, דאַמאָלסט פאַרבלייבט זי אויף דער ערד דורך אַ גילגול אין אַ ריינעם אומשולדיקן גוף, וועלכער העלפט זי לייטערן. אַמאָל באַהעפט זיך די טמאדיקע נשמה צו נאָך אַ ריינער נשמה, אום צו לעבן צוזאַמען אין איין גוף, ווי אַ דיבוק, און איינע שיינט אין דער צווייטערס גלאַנץ.

קאַליקע: און ווי לאַנג דאַרף עס דויערן ביז וואַנען

אַלע נשמות פון דער וועלט זאָלן זיך פולקאָם אויסלייטערן?

נסתר: דריי מאָל דאַרף יעדע נשמה לעבן אויף אונזער וועלט, און ווען אַלע נשמות וועלן האָבן דורכגעמאַכט זייער דריט לעבן, דאַן —

דיין (גיט אַ קלאַפּ אויף אַ שטענדער): שאַ! וואָס, דעם קץ ווילסטו אויסזאָגן, דו חצוף? אין לך עסק בנסתרות. פיר זיינען אַריין אין פּרדס!

נסתר: און איך בין דער פינפטער!

דיין: שאַ! ווער האָט דיר געגעבן רשות? עס איז דאָך אַ בפירושער דין!

נסתר: די בעלי נגלה קומען גלייך מיט דין. די וועלט איז פאַר זיי אַ האַרבע, אַ קאַלטע. דער אויבערשטער איז אָבער אַ בעל רחמים. דער זוהר הקדוש זאָגט: לית דינא דלא הוו ביה רחמי.

דיין: דער אויבערשטער איז אַ בעל רחמים, אָבער ניט אויף די וועלכע שפּילן זיך מיט צירופים און פאַרלאָזן די הייליקע תורה, די הלכה, וועלכע האַלט אויף די וועלט מיט איר כח.

נסתר: דער הייליקער ר' אברהם אבולעפיה, זכרונו לברכה, האָט געזאָגט מיט זיין פּה קדוש, אַז די תורה כפשוטה, די איינפאַכע הלכות, איז געמאַכט געוואָרן פאַר פּראָסטאַקעס, פאַר קליינע השגות, ווי מילך פאַר דעם פאַרדיי פון קליינע עופעלעך, אָבער די יודעי חן און נבוני לחש, זיי זוכן און געפינען די סודות פון רבונו של עולם דורך צירופי אותיות.

דיין: סודות מי יבין? די קבלה פירט אונז אין אַ טומאַן, אויף קרומע סטעזשקעס. נעבן די אמתע דערלייזער שפּרייזן די פאַלשע משיחים. די נגלה, די אָפענע תורה, איז אָבער אַלע מאָל די זעלבע. אַ גרויסער, ברייטער, ליכטיקער שאָסיי, אַ דרך המלך.

נסתר: זאָגט אויף דעם דער הייליקער תנא ר' שמעון בר יוחאי אין הייליקן זוהר: וי לההוא בר נש, ווי איז צו דעם מענטשן, וועלכער זעט אין דער תורה איינפאַכע מעשיות

און פאַרשטענדלעכע ווערטער. נייערט יעדעס וואָרט אין דער תורה איז בלויז אַ לבוש, אַ כלי פאַר אינעווייניקסטע סודות. אָבער דער וואָס זאָגט אַז די תורה מיינט נאָר דאָס וואָס זי זאָגט בפירוש — איז תּפח רוחיה, זאָל ז״ן נשמה פון אים אַרויס, ווייל זיין תורה איז ניט די אכתע, ניט די אוריתא דקשוט. און אַזוי ווי ווייַן מוז זיין אין אַ קרוג, אַזוי מוז אַ סוד זיין אין בגד פון ווערטער.

ד יי ן: זאָגסטו, הייסט עס, אויף מיר תפח רוחיה. אויף דיר האָט ר׳ יונתן געזאָגט: תיפח עצמן של מחשבי קצין. זאָלן אַרויסגעבלאָזן ווערן די ביינער פון די, וועלכע מאַכן חשבונות ווען משיח וועט קומען, ווייל זיי ברענגען אַנטוישונג אויף דער וועלט. אַרויס פון דאַנען!

מ יי ד ל (גייט אַרויס פון איר באַהעלטעניש): טאַטע!

ד יי ן: שוין פיר הונדערט יאָר ווי דאָ אין אונזער אַל-טער שול ווערט פאַרהייליקט דער פשט פון דער תורה, און דו פאַרשעלסט די, וועלכע זענען די קרישטאָל-ליכטיקייט פון יידיש-קייט. אַרויס פון מקדש מעט!

מ יי ד ל: טאַטע, עס איז שפּעט אין דער נאַכט, אין דרויסן איז אַזוי קאַלט.

ד יי ן: זאָל ער גיין אין הקדש. און וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט אויף מיר ווי אַ קליפה?

נ ס ת ר: אַ קליפה? (חי צו זיך) אַ קליפה איז נאָר אַ קטרוג, אָבער סניגוריא איז אַ מדה פון קדושה. און די שכינה טוט אָפּט אויס פון זיך די צען ספירות פון קדושה און טוט זיך אָן די צען קליפות פון טומאה, כדי זיי צו צעברעכן, אום מקיים צו זיין דעם פסוק: ומלכותו בכל משלה.

ד יי ן: וואָס, די שכינה טוט זיך אָן אין די קליפות פון טומאה? אַרויס, דו מחלל השם! (מקובל נעמט מאַנטל, שטעקן און זאַק). אָט דאַרטן אויפן וואַנט הענגט נאָך דער חרם, וואָס דער ווילנער גאון, זכרונו לברכה, האָט אויסגערופן בתרועת שופר און ביי ברענענדיקע שוואַרצע ליכט אין יאָר

תקמ״א, אויף אייער כת, וועלכער איז משנה פון נוסח אשכנז און ברעכט די צוימען פון אונזער הייליקן שולחן ערוך.

נסתר: אונזער שולחן ערוך איז דער שולחן גבוה. מיר דערנערן זיך מיטן רעגנבויגן פון מיסטעריען.

דיין: גיי פון דאנען, דורך קעלט און שניי, צו דיין רעגנבויגן. די כחות הקדושה וועלן מיט דיר ניט זיין, דו פארפירער.

נסתר: (נעמט זיך רירן פון זיין פלאץ. דאס מיידל טראגט אים אונטער דאס טעפל. ער קוקט א ווײלע און פארנוויגט זיין קאפ אויף „ניט״.) מיר דערנערן זיך מיט רעגנבויגן. מיר שפייזן זיך מיט ליכט.

דיין: איר לעבט אין פינסטערניש. בהבל בא, ובחושך ילך, ובחושך שמו יכוסה.

נסתר: זאגט אויף דעם דער זוהר הקדוש אין פרשה תצוה: אלמלא חשוכא, לא אשתמודע נהורא. אויב ניט דאס פינסטערניש, וואלט ליכטיקייט געווען אומבאקאנט. ביידע העלפן איינע די אנדערע. (נסתר גייט צו צום טיר. הויבט אויף א האנט א קוש צו טאן די מזוזה, אבער ער קערט זיך אום.) מיט מיר וועלן זיין אי די כוחות הקדושה, אי די כוחות הטומאה, ווייל אי די סטרא דא, אי די סטרא אחרא קומט פון עתיקא דעתיקין, פון אין-סוף, און צו אים וועלן זיי זיך צוריקקערן דורך שבירת הכלים. איך וועל גיין און ווערן נענטער און נענטער צום אור הגנוז, צום באהאלטענעם ליכט, און פאר מיר וועלן זיך עפענען ברייטע, נייע וועלטן, און איך וועל טאקע אראפּ-ברענגען אויף אונז אלעמען די השפעה פון שדי. (קושט די מזוזה. עס ווערט פלוצלינג פינסטער. פון דער מזוזה שטראלט ארויס א משונה ליכט, וועלכע באלייכט דעם גייסטיקן פנים פון נסתר און לעשט זיך אויס.)

פארהאנג

די קליידונג

אַזוי ווי חסידישע רביים און חסידים דערשיינען אָפּט אויף דער בינע און האָבן געשאַפן אַ סטאַנדאַרד פאַר די בגדים פון פרומע יידן, געפין איך פאר נויטיק צו דערמאָנען די אויפפירער פון מײַנע דראַמען, אַז זיי שילדערן דאָס לעבן אין ליטע, ווו רבנים טראָגן ניט קיין קורצע הייזעלעך, ווייסע זעקעלעך און האַלבע שיכעלעך, נאָר לאַנגע הויזן אין שטיוול. די ישיבה-בחורים זיינען מאָדערן, קורץ געקליידעט, אָן פּיאות און אָן בערד, טראָגן קאַפּעלושן און קאַמאַשן. בלויז דער מקובל און דער פּרוש (פון דער דראַמע „מקובל") גייען געקליידעט אין לאַנגע קאַפּאָטעס און טראָגן לאַנגע פּיאות. דער פּרוש טראָגט אַ לאַנגע שוואַרצע באָרד.